# צבֿי קאַנאַר

## אָפּגעגעבן ברויט

״וואַרט אויף מיר מאָרגן פֿינעף אַ זייגער נאָך מיטאָג, אין דעם קאַפֿע ׳ווײַסע ראָזע׳ אויפֿן קורפֿירסטנדאַם, וועלן מיר זיך קענען מער אַדורכשמועסן״ -- האָט צו מיר געזאָגט אין זײַן רחבֿותדיקער לאָזשע דער אַקטיאָר האַמבורסקי פֿון תּל-אָבֿיבֿ, אַ מידער און אויסגעשעפּטער, אָבער אַ צופֿרידענער נאָך זײַן דערפֿאָלגרײַכער פֿאָרשטעלונג, דערבײַ האָט ער צו מיר אויסגעשטרעקט זײַן וואַרעמע האַנט אויף שלום.

דאָס איז געווען אין אַ קאַלטן דעצעמבער-אָוונט. דעם זעלבן נאָכמיטאָג בין איך אַריבער די גרענעץ אויף ״טשעקפּוינט-טשאַרליי״ פֿון מזרח קיין מערבֿ-בערלין, נאָך מײַן ערשטן אויסלענדישן טורנע אין דער ״דײַטשער דעמאָקראַטישער רעפּובליק.״ איצט האָב איך געשפּאַנט איבער די ברייטע גאַסן פֿון מערבֿ-בערלין מיט אַ סך מוט, גלייבן און האָפֿענונג אין מײַן צוקונפֿט ווי אַ פּאַנטאָמימיקער, נאָך אַלע מײַנע געלונגענע פֿאָרשטעלונגען אין מזרח-דײַטשלאַנד, ווו די קריטיק און דאָס פּובליקום האָבן מיר אַזוי וואַרעם אויפֿגענומען און געלויבט.

די באַלויכטענע, ברייטע זויבערע גאַסן האָבן מיר צוגעגעבן נאָך מער מוט, און איך האָב ווי געשוועבט צווישן די עלעגאַנט געקליידעטע און הויך באַרעדעוודיקע דורכגייערס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אַקטיאָרן אויף אַ גיגאַנטישער בינע, אַזוי ווי אַ געניאַלער רעזשיסאָר וואָלט דאָס אַלץ אויסגערעזשיסירט. די פּנימער פֿון די מענטשן זענען געשווינד פֿאַרבײַגעלאָפֿן פֿאַר מײַנע אויגן און ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז אַלץ לאַכט צו מיר און נעמט אָנטייל אין מײַנע געהויבענע געפֿילן. שיינע פּנימער זענען דאָס געווען, באַזונדערש בײַ די פֿרויען, וואָס זענען געווען אַזוי יום-טובֿדיק אויסגעפּוצט, און זייערע שטאַרקע פּאַרפֿומען האָבן מיר ממש פֿאַרשיכּורט מיט גלוסט (איך וואָלט מיר איצט מיט יעדער

איינער פֿון זיי אַוועקגעלייגט און געמאַכט ליבע)[1]; פֿאַרהיפּנאָטיזירט, בין איך געגאַנגען אָן אַ ציל און זיך געפֿילט ווי איינער פֿון זיי.

צו מאָרגנס נאָך מיטאָג, פֿאַר פֿינעף אַ זייגער, בין איך אַרײַן אין דעם גרויסן און עלעגאַנט באַלויכטענעם קאַפֿע ״ווײַסע ראָזע״ אויפֿן קורפֿירסטנדאַם, אַזוי ווי דער אַקטיאָר האַמבורסקי פֿון תּל-אָבֿיבֿ האָט מיר געהאַט אָנגעזאָגט. מענטשן זענען געזעסן בײַ קליינע רונדע, ווײַס געפֿאַרבטע טישלעך, פֿאַרפּוצט מיט גאָלדענע פּאָמפּעזע שטרײַפֿן פֿון עפּעס אַן אַלטדײַטשן נאָסטאַלגישן סטיל, וואָס האָבן אַזוי קאָנטראַסטירט מיט די דרויסנדיקע פֿירקאַנטיקע מאָדערנע געבײַדעס, וועלכע האָבן זיך געצויגן און געהויבן העט ווײַט ביז צו די וואָלקנס. אַ סענטימענטאַלער שלאַגער פֿון אַ גראַמאָפֿאָן האָט שטיל באַגלייט די געסט אַרום די טישלעך. זיי האָבן געמיטלעך געטרונקען זייערע געטראַנקען אויפֿן אַמאָליקן בערלינער שטייגער, אַזוי ווי יאָרן וואָלטן נישט פֿאַרבײַ, נאָר פֿאַרשטיינט געוואָרן -- געבליבן שטיין אויפֿן אָרט זינט יענע גוטע צײַטן....

נישט ווײַט פֿון אַרײַנגאַנג האָב איך באַמערקט אַ פֿרײַ טישל און זיך אַוועקגעזעצט. כ׳האָב אַרויסגענומען פֿון מײַן אַקטנטאַש צײַטונג-אויסשניטן סײַ מײַנע אייגענע, סײַ די וואָס האַמבורסקי האָט מיר געגעבן, כּדי זיי צו פֿאַרגלײַכן. נישט געווען וואָס זיך צו באַקלאָגן. פֿון ביידע זײַטן בערלינער מויער האָט מען געזונגען שבֿחים פֿאַר די צוויי ייִדישע קינסטלערס.

פּלוצעם האָב איך דערהערט אַ העפֿלעכע שטים: ״יאַ, ביטע?״ איך האָב אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און געזען פֿאַר מיר שטיין דעם קעלנער, אַ שמייכלדיקן, מיט צוויי גרויסע שטאָלענע אויגן, טיף אַרײַנגעזעצט אונטער זײַן נידעריקן שטערן. אַן אומהיימלעכער ציטער איז אַדורך מײַן קערפּער. כ׳בין געוואָרן אַזוי איבערראַשט פֿון אָט די אויגן, אַז כ׳האָב נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין

וואָרט פֿון מײַן מויל. די אויגן מײַנע זענען ווי צוגעשמידט געוואָרן צו זײַנע. ס׳האָט גענומען אַ לאַנגע רגע, ווי אַן אייביקייט, איידער כ׳האָב קוים אַרויסגעבראַכט אויף מײַנע ליפּן דאָס וואָרט: ״טיי...״

-- מיט ציטראָנע אָדער מיט מילך?

-- מיט מילך -- האָב איך אויטאָמאַטיש נאָכגעזאָגט, כאָטש טיי מיט מילך האָב איך אין מײַן לעבן נישט געטרונקען.

דער קעלנער האָט זיך נאָך אַ מאָל טיף פֿאַרנייגט אויפֿן קעלנערישן אויפֿן און איז אַוועק.

אוי, איך קען די אויגן! האָט מײַן מוח אָנגעהויבן גיך צו אַרבעטן, ווי נישט געוויינלעך. איך האָב די אויגן שוין אַ מאָל געזען! אָבער ווען? ווו? אפֿשר אין אַ פֿריִערדיקן גילגול? כ׳גלייב אָבער נישט אין קיין גילגולים. און דאָך בין איך זיכער, אַז כ׳קען די אויגן! און נאָך ווי! ניין, עס דאַכט זיך מיר בלויז אויס. אויגן קאָנען אַ מאָל פֿאַרפֿירן. כ׳האָב געפּרוּווט לייענען ווײַטער די צײַטונג-אויסשניטן, אָבער כ׳האָב מיך בשום-אופֿן נישט געקאָנט קאָנצענטרירן. אַ שטאַרקער אומרו איז מיר באַפֿאַלן. אפֿשר איז דאָס עפּעס אַ נאַצי פֿון דער מלחמה-צײַט? פֿונעם לאַגער? אַלץ איז דאָך מעגלעך אין אונדזער וועלט, כאָטש עס זענען שוין פֿאַרבײַ צוואַנציק יאָר נאָך דעם אַלעם....

ניין, ס׳קאָן נישט זײַן! איך וואָלט אַזאַ איינעם אין לעבן נישט דערקענט. כ׳פֿלעג דאָך זיי קיין מאָל אין די אויגן נישט אַרײַנקוקן. נישט מחמת צניעות, נאָר פּשוט, צוליב מורא און פּחד. תּמיד פֿלעג איך אַוועקדרייען דעם קאָפּ פֿון זיי, ווי זיי וואָלטן בכלל נישט עקסיסטירט פֿאַר מיר. אַחוץ אין איין פֿאַל, ווען איך האָב זיך געבעטן בײַ דעם לאַגער-קאָמענדאַנט ער זאָל מיר נישט דערשיסן.... און טאַקע דורך אַ נס מיך נישט דערשאָסן. דערפֿאַר אָבער האָט ער גלײַך אויף מײַן אָרט צוויי אַנדערע דערשאָסן.... אָבער אפֿילו אין יענעם פֿאַל האָב איך אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, כ׳זאָל דאָס נישט זען, ווי ס׳וואָלט אין גאַנצן נישט פּאַסירט, און געבליבן בין

איך אין מײַן אייגן פֿאַנטאַסטיש וועלטעלע, וואָס איך האָב מיר אויפֿגעבויט אין מײַן קינדערישער פֿאַנטאַזיע, אַ וועלטעלע וואָס האָט גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט דער ווירקלעכקייט. אמת, מײַן בידנער קערפּער האָט זיך טאַקע געפֿונען אינעם קאָנצענטראַציע-לאַגער, אָבער מײַן נשמה האָט געשוועבט העט, העט, ערגעץ ווײַט, אין אַ גאַנץ אַנדערער וועלט, אין אַ וועלט וווּ מע קען עסן ברויט צו דער זאַט.

און ווען דאָס אַוועקדרייען דעם קאָפּ האָט מיך געקאָנט דאָס לעבן קאָסטן, האָב איך פּשוט פֿאַרמאַכט די אויגן -- געזען און נישט געזען.

גאָר אַנדערש האָט געהאַנדלט דער נײַנצן-יעריקער איזשאָ. דעם דריטן טאָג זײַענדיק אין לאַגער האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז קיין לעבעדיקע וועלן מיר פֿון דאַנען סײַ ווי סײַ נישט אַרויס. די דײַטשן וועלן אונדז דאָ אַזוי לאַנג האַלטן, ווי לאַנג מיר טויגן נאָך פֿאַר זייער אַרבעט. "אויב אַזוי -- האָט דער יונגער סטודענט געזאָגט צו זײַן טאַטן -- אַ מכּה די דײַטשן! איך וועל פֿאַר זיי נישט אַרבעטן!" -- און ער איז אַרויף אויף די עלעקטרישע דראָטן.

דער נצחון האָט טאַקע געהערט דעם יונגן איזשאָ.... די צרה איז אָבער געווען וואָס די דײַטשן זענען אַזוי אויפֿגעקאָכט געוואָרן פֿון דער ייִדישער חוצפּה, -- וואָס הייסט, אַ ייִד האָט געוואַגט זיך [דערוועגט זיך] אַליין אומברענגען און דערבײַ צעשטערט די עלעקטרישע דראָטן?! -- אַז זיי האָבן גלײַך אויפֿן פּלאַץ דערשאָסן פֿינעף העפֿטלינגען, צווישן זיי אויך איזשאָס פֿאָטער, און געוואָרנט: "נאָך איין סאַבאָטאַזש, דערשיסן זיי נישט פֿינעף, נאָר צוואַנציק!" זינט דעמאָלט האָט שוין קיינער מער נישט געוואַגט [דערוועגט זיך] צו גיין אויף די עלעקטרישע דראָטן....

איך בין אַזוי פֿאַרכאַפּט געווען אין מײַנע מחשבֿות, מישנדיק פּנימער און געשעענישן פֿון מײַנע פֿאַרגאַנגענע יאָרן, אַז כ'האָב נישט באַמערקט, ווי דער קעלנער האָט מיר געבראַכט די באַשטעלטע

טיי מיט מילך. כ'האָב נאָר דערהערט דאָס וואָרט "ביטע שען."

"וואַניאַ!" -- האָבן מײַנע ליפּן מיט אַ מאָל אַ שעפּטשע געטאָן. דער קעלנער, וואָס האָט שוין געהאַלטן בײַם אַוועקגיין, האָט זיך האַסטיק אַ דריי אויס געגעבן, מיך אַדורכגעשפּיזט מיט די צוויי שטאָלענע אויגן זײַנע. דער אָטעם האָט זיך אין מיר אָפּגעשטעלט. כ'האָב דערפֿילט אַ שטאָך אין האַרצן און אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַגאָסן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. כ'האָב געוואָלט אויפֿשטיין און אַנטלויפֿן, אָבער כ'בין געווען אוממאַכטיק, ווי צוגעשמידט צו מײַן זיצפּלאַץ.

"וואַניאַ! וואַניושאַ!...." האָבן מײַנע ליפּן ווײַטער געשעפּטשעט. זעט אויס אַז כ'האָב נישט אַזוי געשעפּטשעט, ווי ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, נאָר הויך אויפֿן כּל געררופֿן, ווײַל אַלע אַרום, בײַ די טישלעך, האָבן זיך מיט אַ מאָל אומגעקוקט.

דער קעלנער האָט אַ שפּאַן געטאָן צו מיר מיט פֿעסטע טריט, אַריבערגעבויגן זײַן אַטלעטיש געשטעל איבערן טישל, און שטיל, מיט אַ שווערן אַקצענט אַ פֿרעג געטאָן:

-- "וואָס מעכטען זי, מײַן הער? אַוס [אויס] וואָ קענען זי מיד?"

-- וואַניאַ! וואַניושאַ! -- האָב איך אויסגעשריגן: דערקענסטו מיך נישט? דערקענסט נישט דעם קליינעם פּאָליאַק? דעם קליינעם זשידלאַק? דעם אַכטן מײַ פֿינעף און פֿערציק, דו האָסט דאָך מיך באַפֿרײַט!!!

איצט האָט ער אין מיר אַרײַנגעקוקט מיט זײַנע שטאָלענע, ווילדע אויגן, גענוי ווי דעמאָלט אין יענער נאַכט, אין טאָג פֿון מײַן באַפֿרײַונג, ווען ער, וואַניאַ, האָט געהאַלטן אויסגעשטרעקט זײַן געווער, אָנגעצילט אין מײַנע אויגן.

די שוואַרצע לופֿע פֿונעם פּיסטויל האָט אימהדיק געדראָט. אָט-אָט וועט אַ בליץ טאָן אַ רויט פֿײַערל און אויס מיט מיר.... זײַנע אויגן פֿול מיט שׂנאה האָבן געבליצט מיט אַ משונהדיקער ווילדקייט. דאָס מויל זײַנס האָט געפּינעט מיט קולות:

"דו פּחדונותדיקער זשידלאָק! האָסט מורא נקמה צו נעמען? האַק!.... האַק איר אַרײַן אין איר גערמאַנסקע פּיזדע!.... האַק! אַ ניט מאַך איך דיך פֿאַרטיק!!"

אויף אַ ברייט בעט אין מיטן חרובֿ געמאַכטן עלעגאַנטן שלאָפֿצימער איז געלעגן אַ יונגע נאַקעטע דײַטשקע מיט געשפּרייטע פֿיס און געקרעכצט פֿון ווייטיק. די אויגן אירע משוגע פֿאַרגלאָצט, דאָס ראָזעווע זײַדן נאַכטהעמד -- צעפֿליקט אויף שטיק-שטיקלעך. נאָר וואָס האָבן זי דרײַ סאָלדאַטן, רויטאַרמייערס, פֿאַרגוואַלדיקט, איינער נאָכן אַנדערן. אירע הענט האָבן זיך געקלאַמערט מיט אַ

גוואַלדיקן כּוח אין די קײַלעכדיקע ווײַסע בריסט, ווי זי וואָלט זיי געוואָלט באַשיצן.

די אימהדיקע לופֿע פֿונעם פּיסטויל האָט זיך נאָך מער דערנענטערט צו מײַנע איבערגעשראָקענע אויגן. מײַן אויסגעדאַרטער "מוזולמאַנישער"[2] גוף האָט זיך נאָך מער אײַנגעשרומפּן און איז פֿאַרגליווערט געוואָרן פֿון שרעק. אַ שיטערע צואה האָט זיך מיר אַרויסגעגליטשט אין מײַנע אָפּגעריסענע קאַצעטישע הויזן אַרײַן. נאָר דער מוח האָט איצט בײַ מיר קלאָר און געשווינד געאַרבעט. אַ מוח אָן אַ קערפּער.... וואָס זאָג איך -- "דער מוח," נאָר אַ קליין טײלעכל זײַנער, ווײַל די איבעריקע טייל איז שוין פֿון לאַנג געווען אָפּגעשטאָרבן.... אָט דאָס טײלעכל פֿון מײַן מוח פֿלעגט תּמיד אַרבעטן בײַ די גרעסטע סכּנות אין די לאַגערן און נאָך פֿאַר די לאַגערן....

"טו דאָס נישט!!! טו דאָס נישט, וואַניאַ!!! דו האָסט דאָך מיך באַפֿרײַט!" -- האָב איך פּראָבירט צו שרײַען. די ליפּן מײַנע זענען אָבער געווען פֿאַרגליווערט, די צונג פֿאַרשטיינט, און כ'האָב בשום-אופֿן נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט. הרף-עין'דיקע בילדער פֿון אַדורכגעלעבטע סכּנות האָבן מיר אָנגעהויבן פֿאַרבײַלויפֿן ווי שאָטנס. אָט רײַס איך מיך אַרויס פֿון אַ זיכערן טויט מיט אַ שפּרונג צווישן אַ דײַטש און אַ פּוילישן פּאָליציאַנט בעת

דער ערשטער אַקציע זומער 42.... אָט לויף איך מיט אַ זיגזאַגישן געלויף אין וואַלד און עס טרעפֿט מיך נישט די קויל פֿון אַ פּוילישן פּאַרטיזאַנער.... דער טאַטע גיט מיך אַ צי בײַם אַרבל בשעת אַדורכגיין דעם טויער פֿון לאַגער אויף דער יעראָזאַלימסקע.... מיר האָבן זיך דעמאָלט אַזוי שטאַרק אײַנגעקלאַמערט איינער אין צווייטן, אַז קיין שום כּוח אויף דער וועלט וואָלט אונדז נישט געקאָנט צעשיידן, סײַדן דער טויט. זײַן צי בײַם אַרבל האָט מיך געראַטעוועט, ווײַל אַלע קליינע ייִנגלעך האָט מען גלײַך דערשאָסן אויף דער "כויאָווע גורקע,"[זע פּויליש _גאָרקאַ_ 'בערגל'] ווי מען האָט גערופֿן דאָס בערגל לעבן לאַגער, ווו מען האָט דערשאָסן די מענטשן.... און אָט שטעל איך זיך אויף די שפּיץ פֿינגער בשעת די סעלעקציעס, כּדי אויסצוזען גרעסער, העכער, ווײַל די קליינע האָט מען גלײַך אָפּגעטראַנספּאָרטירט צום הימל-קאָמאַנדאָ....

נו, און דאָס קנײַפּן זיך אין מײַנע אויסגעסאָכעטע און בלאַסע בעקלעך, כּדי אויסצוזען רויטלעך, געזונט, אַרבעטוספּייִק פֿאַר דעם "דריטן רײַך," ווײַל די שוואַכע, די נישט אַרבעטספּייִקע שיקט מען צום דערשיסן.... אָט פֿאַל איך אַ טויטער בעת אַן עקזעקוציע, אין דער לעצטער סעקונדע איידער די קויל האָט מיך געטראָפֿן. נאָך אַ דזשוכע מיט דער קאָלבע פֿון דער ביקס און אַ זעץ מיטן סאָלדאַטסקע שטיוול, צי איך לעב נאָך.... ניין! קיין סימן פֿון לעבן! כ'בין שוין פֿון לאַנג אַ טויטער! נאָר באַגראָבן האָב איך מיך נישט געלאָזט.

צו דער גרויסער איבערראַשונג פֿון די קאַצעטניקעס האָב איך מיך אויפֿגעהויבן, ווי ס'וואָלט גאָרנישט פּאַסירט, געכאַפּט די הויזן און צוריקגעלאָפֿן אין באַראַק אַרײַן.

פֿון דעמאָלט אָן האָט מען מיך גערופֿן: דער תּחית-המתימניק.... "טו דאָס נישט! -- האָב איך זיך געבעטן בײַ וואַניאַן, בײַ מײַן באַפֿרײַער, מײַן אויסלייזער -- לאָז מיך לעבן! כ'וויל לעבן! ס'איז

דאָך שוין אויס מלחמה! דו ביסט דאָך אַ רויטאַרמייער! דו קעמפּסט דאָך קעגן די נאַציס פֿאַר אַ פֿרײַער וועלט! פֿאַר אַ פֿרײַ לעבן!...."

"פֿאַר אַ פֿרײַע וועלט און אַ פֿרײַ לעבן קעמפּט די העראָיִשע סאָוועטישע רויטע אַרמיי אונטער דער אָנפֿירונג פֿון חבֿר סטאַלין, קעגן דער נאַצישער פּעסט.... הײַנט האָט די רויטע אַרמיי פֿאַרנומען ברעסלאַוו. אייראָפּע ווערט באַפֿרײַט! אויס מלחמות! אויס קאָנצענטראַציע-לאַגערן! אויס הונגער און טויט! קינדער העפֿטלינגען, אין קורצן וועט איר באַפֿרײַט ווערן! אַ נײַע צוקונפֿט דערוואַרט אײַך! דערוואַרט גאַנץ אייראָפּע. דער גאַנצער מענטשהייט! לעבן זאָל די העלדישע רויטע אַרמיי! לעבן זאָלן די העראָיִשע קעמפֿנדיקע פֿעלקער פֿונעם ראַטן-פֿאַרבאַנד! לעבן זאָל דער חבֿר סטאַלין!"

אַזוי האָט צו אונדז גערעדט אין די ערשטע טעג פֿון חודש פֿעברואַר 1945 דער ברייטפּלייציקער קאַפּאָ אין קינדערבלאָק 66 אינעם קאָנצענטראַציע לאַגער בוכענוואַלד. לעבן אים איז געשטאַנען אַ צווייטער קאַפּאָ, אַ דאַרער, אַ הויכער און האָט צוגעשאָקלט גוטמוטיק מיטן קאָפּ.ביידע האָבן זיי געטראָגן אויף דער לינקער

זײַט פֿון דער קאַצעטישער בלוזע, לעבן נומער, רויטע דרײַעקן -- אַ סימן פֿון פּאָליטישע העפֿטלינגען. איינער אַ ייִד פֿון וואַרשע, דער צווייטער -- אַן אַריער פֿון האַמבורג. ביידע פֿאַרברענטע אינטערנאַציאָנאַליסטן, וואָס זיצן שוין לאַנגע יאָרן הינטער די שטעכלדראָטן פֿאַר דער זעלבער אידעע, פֿאַר דעם זעלבן בשותּפֿותדיקע ציל. דער ייִד נאָך פֿון פֿאַרמלחמהדיקן פּוילן אינעם לאַגער קאַרטוז-בערעזע, דער דײַטש -- פֿון פֿיר און דרײַסיק אינעם קאָנצענטראַציע-לאַגער ״זאַקסענהאַוזען.״ איצט ביידע אין בוכענוואַלד.

דאָס האַרץ האָט מיר געצאַפּלט פֿון פֿרייד און האָפֿענונג נישט גלייבנדיק מײַנע אייגענע אויערן. וואָס הייסט, באַלד וועל איך באַפֿרײַט ווערן! קענען עסן ברויט! אוי, ברויט! און נאָך אַ

מאָל -- ברויט!.... ברויט אָן אויפֿהער! אָן אַ סוף, ביז צעזעצט ווערן!....

״מאַטושקאַ ראַסיאַ״... האָט זיך געריסן פֿון אונדזערע אויסגעהונגערטע, פֿאַרטריקנטע העלדזלעך דאָס באַקאַנטע ליד פֿון יענע יאָרן, וואָס איז געווען אונדזער הימען אויפֿן קינדערבלאָק 66. ״מאַטושקאַ ראַסיאַ, איך בענק נאָך דיר שטאַרק.... נאָך דעם רוסישן מענטש, נאָך דער רוסישער נשמה....״

״האַק! האַק איר אַרײַן! -- האָט דער אוקראַיִנער גערעוועט -- אַניט מאַך איך דיך קאַלט!״

מיט אַלע מײַנע כּוחות, די לעצטע כּוחות פֿון אַ קאַצעטניק, אַ מוזלמאַן[2], נאָך דרײַ יאָר לאַגערן, מיט אַ טויטנמאַרש, האָט זיך מײַן ציטערדיקע, שוואַכע האַנט פּאַמעלעך אויפֿגעהויבן מיט דעם שפּיזיקן באַגנעט, וואָס ער האָט מיך געצוווּנגען צו נעמען און געשטעלט אין דער פֿרויס נאַקעטן קערפּער.

״האַק! -- האָט וואַניאַ נישט נאָכגעלאָזט -- ה-אַ-ק! אָדער איך קנאַל דיך אַוועק ווי אַ הונט! ווי אַ גערמאַניעץ!!!״

מײַן שוואַכע, ציטערדיקע האַנט האָט אָנגעהויבן נאָך שטאַרקער ציטערן און מײַן גאַנצער קערפּער האָט זיך געוואָרפֿן ווי אין קדחות.

דערבײַ האָב איך אַרויסגעלאָזט משונהדיקע קולות. מיט אַ מאָל האָט ער אָנגעכאַפּט מײַן האַנט און מיט אַ גוואַלדיקן כּוח אַרײַנגעזעצט דעם שפּיזיקן באַגנעט אין איר געשלעכט.

אַ שטראָם בלוט האָט פֿאַרגאָסן מײַן פּנים און אַן אימהדיק געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון דער פֿרויס מויל. איך בין געפֿאַלן אין חלשות.... צו מײַנע אויערן זענען נאָך דערגאַנגען זײַנע געשרייען:

"דו פּחדונותדיקער זשידלאַק! בלוט האָסטו! פּישעכץ האָסטו! פּישעכץ! גנויוווקע פֿליסט אין דײַנע זשידאָווסקע אָדערן! ניט קײַן בלוט! קוק אָן דײַן פּרצוף ווי אַזוי דו זעסט אויס! וואָס זיי האָבן געטאָן מיט דיר, מיט אײַך אַלע!...."

ווען איך האָב צוריק אויפֿגעמאַכט די אויגן האָט וואַניאַ נאָך אַלץ געהאַקט מיטן באַגנעט אינעם בויך פֿון דער פֿרוי, וואָס האָט שוין נישט רעאַגירט. ער האָט געהאַלטן אין איין רופֿן: "אָט האָסטו פֿאַר מײַן מאַמען! פֿאַר מײַן טאַטן! פֿאַר מײַן שוועסטערל גאַלינאַ! פֿאַר אוקראַיִנע! פֿאַר גאַנץ רוסלאַנד!" ער איז געלעגן אויפֿן אויפֿגעריסענעם בויך פֿון זײַן קאָרבם, וואָס האָט זיך געצויגן פֿון אונטן ביז אַרויף צום האַלדז און געטרונקען דאָס בלוט. אַלץ אַרום איז געווען רויט פֿון בלוט -- דאָס בעט, די ווענט, דער אוקראַיִנער....

פֿון אַ צווייטן צימער האָבן זיך געטראָגן קולות פֿון אַ יונג מיידל, אַ יאָר פֿופֿצן-זעכצן. דאָס האָבן זי נאָר וואָס דרײַ אַנדערע סאָלדאַטן פֿאַרגוואַלדיקט. און געגנוי ווי די מוטער, האָט אויך די טאָכטער זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט נאָר האָט געשפּרייט די פֿיס און זיך געבעטן פֿאַר איר לעבן: "ביטע, ביטע מײַנע הערן, טוט וואָס איר ווילט, אָבער ביטע, לאָזט מיך לעבן. איך וויל לעבן...."

אָבער נישט וואַניאַ! ווי נאָר ער האָט דערהערט דאָס מיידלשע קול, איז ער באַלד אַרײַן אין צווייטן צימער און מיט זײַן פֿאַרבלוטיקטן באַגנעט זיך געוואָלט וואַרפֿן אויפֿן מיידל. די דרײַ סאָלדאַטן האָבן אים פֿאַרשטעלט דעם וועג, ער זאָל זי נישט דערהרגענען. מיט כּוח האָבן זיי פּראָבירט בײַ אים דעם באַגנעט אַרויסרײַסן. וואַניאַ האָט אָבער געדראָט און ווילד געשריגן:

״גייט קיבעני-מאַטערי![3] פּראָפּיטירערס! הורנזין! איך טרען נישט קיין דײַטשקעס, ווי איר. איך הרגע זיי! איך וועל אַלע דײַטשן דערהרגענען! אַלע דײַטשן!!! קיין איינעם נישט איבערלאָזן אַ לעבעדיקן, קיין איינעם נישט!!! איך וועל מיט זיי טאָן גענוי, ווי זיי האָבן מיט אונדז געטאָן! מיט מײַן טאַטן! מיט מײַן מאַמען! מיט מײַן שוועסטערל גאַלינאַ. אָ, גאַלינאַ, גאַלינושקאַ, מײַן טײַער קליין שוועסטערל, וואָס האָבן זיי מיט דיר געטאָן? -- האָט דער אוקראַיִנער געקלאָגט. -- איך וועל נקמה נעמען פֿאַר דיר אין אַלע דײַטשן, אין אַלע זייערע ווײַבער און קינדער, אין אַ ל ע.״

״דו קליינער פּאָליאַק!״ -- האָט ער מיר באַפֿוילן -- ״קום! אַהער! זאָג איר, דער דײַטשער הורן-טאָכטער, אַז איך גיי זי פֿאַרטיק מאַכן! גענוי ווי כ׳האָב פֿאַרטיק געמאַכט איר מאַמזערישן פֿאָטער און איר קורווישע מוטער. אַנאָ, זאָג איר, דער בליאַדסקער טאָכטער, אין איר לשון, אין דײַטש, זי זאָל פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס זי גייט שטאַרבן! זי שטאַרבט נישט בחינם! ס׳איז אַ תּחות פֿאַר אַ תּחות!!! -- אַן אויג פֿאַר אַן אויג!!! אָפּגעגעבן ברויט!!!״

די אַנדערע דרײַ סאָלדאַטן זענען שוין געווען אַוועק אין אַן אַנדער הויז, פֿון וואַנען ס׳האָבן זיך געטראָגן יללות און קרעכצן פֿון דײַטשע ווײַבער און קינדער....

״וואַניאַ, וואַניושאַ, -- האָב איך זיך געבעטן -- טו מיט דײַנע דײַטשן וואָס דו ווילסט, אָבער מיך לאָז צו רו. איך קאָן מער נישט מיטמאַכן דאָס אַלץ. כ׳בין טויט מיד, געהרגעט. קוים וואָס כ׳שלעפּ די געשוואָלענע פֿיס, פֿון טויטנמאַרש, פֿון הונגער.... דער בויך ווערט מיך צעזעצט פֿון דער ווויסקאָווע [זע פּויליש _אואָjסקאָוי_: ׳מיליטעריש׳] זופּ, וואָס דו האָסט מיר הײַנט דערלאַנגט.... כ׳קאָן נישט מער, כ׳מוז ש ל אָ פֿ ן״ -- און כ׳האָב מיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן דיל. וואַניאַ איז איבער מיר געשטאַנען און צו מיר אַראָפּגעקוקט מיט זײַנע שטאָלענע אויגן און ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז כ׳זע אין זיי טרערן. ״וואַניאַ, -- האָב איך אויסגערופֿן מעשׂה גבור, אויסנוצנדיק זײַן שוואַכקייט -- איך מאַך מער נישט מיט! דאָ בלײַב איך און דאָ וועל איך שלאָפֿן! ווערסט זיך שוין אַליין אַן עצה געבן מיט די דײַטשן. אַ גוטע נאַכט!״

״הע, קליינער, שלאָף נישט איַין! -- האָט ער מיך גערזשיוכעט מיטן שטיוול -- די מלחמה איז פֿאַר אונדז נאָך נישט פֿאַרענדיקט!״....

פֿונעם גרויסן ראַדיאָ-קעסטל, דאָס איינציקע וואָס איז פֿאַרבליבן גאַנץ אין דער חורבֿער ווינונג, האָט זיך איצט געטראָגן נצחנותדיקע מאַרשמוזיק פֿון ראַדיאָ מאָסקווע. יעדער פּאָר מינוט האָט דער ספּיקער [רעדנער] איבערגעריסן די מוזיק און מיט זיַין פּאַטעטישער

באַסאָווע [זע רוסיש _באַסאָווי_ יבת׳] שטים געמאָלדן וועגן דעם סוף פֿון דער גרויסער פּאָטערלענדישער מלחמה, וועגן דעם גרויסן נצחון פֿון דעם העראָיִשן סאָוועטישן פֿאָלק און זיַין העלדישער רויטער אַרמיי איבער דער נאַצישער בעסטיע, וועגן דעם יום-הדין וואָס איז אויף זיי, אויף די אַגרעסאָרן געקומען, וועגן זייערע פֿאַרברעכערישע מעשׂים קעגן דער מענטשהייט.... וועגן געפֿונענע בערג מיט שיכלעך פֿון קינדער, וואָס די נאַציס האָבן אומגעבראַכט, פֿאַרגאַזט, פֿאַרברענט. וועגן עפּעס אַ זייף געמאַכט פֿון מענטשנפֿעטס.... עס האָבן זיך געטראָגן פֿריילעכע יובֿל-געזאַנגען פֿון דער מאָסקווער באַפֿעלקערונג אויפֿן רויטן פּלאַץ. די שטים פֿונעם ספּיקער האָט געהילכט:

״דער רויטער פּלאַץ טאַנצט. מאָסקווע טאַנצט, דער גאַנצער ראַטן-פֿאַרבאַנד טאַנצט, גאַנץ אייראָפּע פֿרייט זיך אין איינעם מיט אונדזער העראָיִשן פֿאָלק פֿאַר ראַטעווען און באַפֿרייַען זי פֿונעם דייַטשן דעספּאָט און אַגרעסאָר. די שוואַרצע נאַכט פֿונעם אָקופּאַנט איז פֿאַרביַי. קיין בלוט וועט מער נישט פֿאַרגאָסן ווערן! נאָר שלום און אויפֿבוי פֿון אונדזער סאָציִאַליסטיש פֿאָטערלאַנד וועט הערשן אויף אונדזער ערד. אָבער מיט דער גאַנצער פֿרייד וועלן מיר קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן און אייביק געדענקען די מיליאָנען געפֿאַלענע סאָוועטישע העלדן, אונדזערע זין, טאַטעס, ברידער, שוועסטער און מאַמעס, וואָס זענען אַזוי העלדיש אומגעקומען....״

״שטיי אויף! -- האָט וואַניאַ מיך אַלץ געדזשיוכעט מיטן שטיוול -- קום אַהער, קליינער! דאָס וועט זיַין דיַין לעצטע פּאַרציע אויף הייַנט. נאַ, קריך אויף איר אַרויף! און יעבע זי צו איידער כ׳מאַך זי פֿאַרטיק. קוק, וואָס פֿאַר אַ שיינע בלאָנדע פּיזדאַ. ערשט נאָר וואָס געווען אַ

בתולה, בלויז דרײַ פּעץ אַרײַנגעכאַפּט, דו וועסט איר דערלאַנגען דעם פֿערטן.״

דאָס מיידל איז געלעגן נאַקעט און איז גרייט געווען מיט גוטן אויפֿצונעמען אונדזערע גלוסטונגען, נאָר מ׳זאָל איר דאָס לעבן שענקען. זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז איך וויל אַוועק, אַז כ׳וויל דאָס אַלץ נישט מיטמאַכן און זי האָט זיך אָנגעהויבן בײַ מיר בעטן:

״ביטע, מײַן הער, יונגער הער, בלײַבן זי היר, דיזער ברענגט מיך דאָך אום״ -- און אויסגעשטרעקט צו מיר אירע ווײַסע אָרעמס, כ׳זאָל אויף איר קומען.

וואַניאַ האָט אַרויסגעלאָזט אַ ווילד געלעכטער און מיר אַרויפֿגעשטופּט אויפֿן מיידל: ״אַנאָ, לאָמיר זען, קליינער ׳זשידלאַק׳, וואָס פֿאַר אַ מאַן דו ביסט!״ אָבער איך בין געווען חרובֿ, קראַנק, און דאָס נאָך קיין מאָל נישט געטאָן, און כ׳האָב אים נישט געקאָנט באַווײַזן וואָס ער האָט זיך געוווּנטשן.

דאָס מיידל האָט מיך אַרומגענומען אין אירע ווייכע, וואַרעמע אָרעמס און אַ פֿאַרשיכּורטער פֿון איר מיידלישן ריח בין איך גלײַך אויף איר אײַנגעשלאָפֿן....

צווייטער טייל

״אופֿמאַכען! אופֿמאַכען! זאָפֿאָרט אופֿמאַכען!״ -- האָבן די דײַטשן געקלאַפּט אין דער טיר פֿון אונדזער שכן צעבולסקי און באַלד האָבן זיך דערהערט יללות, גוואַלדן און קרעכצן פֿון די יונגע שיינע טעכטער זײַנע. איך בין געלעגן אײַנגעגראָבן אין מײַן מאַמעס שויס און קוים געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם פֿאַר שרעק. דער טאַטע איז געשטאַנען בײַ דער פֿאַרריגלטער טיר פֿאַרצווייפֿלט, דערשלאָגן און פֿאַרשעמט. געשעמט זיך וואָס ער איז אַ מאַן, וואָס ער געהערט בכלל צום מענערישן מין; געשעמט זיך, צו וואָס די דײַטשן זענען דערגאַנגען, זײַנע קולטורעלע דײַטשן, ווי די מאַמע פֿלעגט אים לעצטנס אָפּט פֿאָרוואַרפֿן, גלײַך ווי ער, מײַן טאַטע, וואָלט חלילה שולדיק געווען אין דעם אַלעמען....

כ׳דערמאָן זיך ווי אַזוי דער טאַטע פֿלעגט דערציילן בײַם טיש, אין דער היים, נאָך זײַן רײַזע קיין קאַטעוועץ: ״קינדער,-- פֿלעגט ער זאָגן -- ס׳איז נישט צו פֿאַרגלײַכן די רחבֿותדיקע גאַסן, די זויבערקייט, די באַנעמונג, בכּלל די קולטור. דאָס איז שוין דער וועסטן [דער מערבֿ]! גאַנץ וואָס אַנדערש!״ ....

די מאַמע האָט געקוקט אויפֿן טאַטן מיט מאָדנער באַוווּנדערונג און צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, מיט אַ קוים פֿאַרבאָרגן שמייכעלע אירס:

״אוי, מײַן ליבער יצחק, -- האָט זי זיך אָנגערופֿן -- דו ביסט נאָך אַלץ געבליבן דער זעלבער קירע [גאַליציאַנער] וואָס אַ מאָל. אַ מזל וואָס דער טאַטע דײַנער, ר׳זאָל רוען לײַכטיק אין גן-עדן, האָט דיך געכאַפּט בײַ דער אָפֿענער גמרא לייענענדיק זייערע ביכער, זייערע פֿילאָסאָפֿן, שמילאָסאָפֿן, כ׳ווייס וואָס נאָך? און אַזוי אַרום צעקלאַפּט דײַנע חלומות צו פֿאָרן שטודירן קיין ... נו, ווי הייסט עס דאָרטן?״

״היידעלבערג, מיינסטו?״ -- האָט דער טאַטע גוטמוטיק צוריקגעענטפֿערט מיט גרויס ליבשאַפֿט אויף דער מאַמעס נאַיִווקייט.

״יאָ, יאָ יצחק לעבן, האָסט געטראָפֿן! היידעלבערג צי שמיידעלבערג, וואָס איס דען אַ חילוק? ווײַל וואָס, מישטיינס געזאָגט, קען מען זיך שוין פֿון זיי אויסלערנען, אַז זיי בויקאָטירן די ייִדישע געשעפֿטן און לאָזן זיך אַרומפֿירן בײַ דער נאָז פֿון עפּעס אַן אויסגעדינטן קאַפּראַל מיט אַ פּאָר אויסגעריבענע וואָנצעס, מאַכנדיק דערבײַ אַ געפּילדער, ווי די ווילדע חיות אין מיטן וואַלד.״

״ס׳האָט נישט צו טאָן איינס מיטן אַנדערן, און לאַנג וועט ער, אם ירצה השם, נישט זיצן אויפֿן בענקל מיט זײַנע פּירעכצן צווישן דעם גרויסן קולטורעלן פֿאָלק,״ -- האָט דער טאַטע פּראָבירט אונדז אַלעמען אויפֿצוקלערן.... די מאַמע האָט געהאַלטן אין איין צושאָקלען מיטן קאָפּ און דאָס פֿאַרבאָרגן שמייכעלע אירס איז אויף די ליפּן ווי פֿאַרווישט געוואָרן:

״הלוואי, הלוואי, דײַנע ווערטער אין גאָטס אויערן, הער פֿילאָסאָף. נו, כ׳וויל נאָר זאָגן, -- האָט די מאַמע גערעדט ווײַטער -- אַז ווען נישט דײַן טאַטע, ער זאָל מיר דאָרט מוחל זײַן, אין לײַכטיקן גן-עדן,

וואָלט איך דאָך היינט געהאַט אַ מאַן, אַ הער דאָקטאָר אָדער אַ הער פּראָפֿעסאָר און אפֿשר גאָר אַ הער פֿילאָסאָף. ווער קען דען וויסן, מײַן ליבער יצחק, וואָס פֿאַר אַ גדולה ס׳וואָלט פֿון דיר אַרויסגעוואַקסן?״ און דאָס פֿאַרבאָרגן שמייכעלע האָט זיך ווידער באַוויזן אויף דער מאַמעס ליפּן.

מיר קינדער, בײַם טיש, האָבן זיך האַרציק אַמוזירט פֿון דעם וווּנדערלעכן דועל-געשפּרעך צווישן טאַטע-מאַמע. אָבער דער טאַטע איז נישט געבליבן שולדיק דער מאַמען און האָט צוריקגעענטפֿערט: ״ווען איך וואָלט היינט געווען אַ דאָקטאָר צי אַ פּראָפֿעסאָר, צי גאָר אַ פֿילאָסאָף און נישט קיין פּשוטער בשׂר-ודם, כ׳מיין אַ פּשוטער סוחר, טאָ ווער ווייסט, מײַן טײַערע רבֿקה, צי דו וואָלסט בכלל געהאַט אַ מאַן אַ קירע״.

״אוי -- בין איך, דער בן-זקונים, אַרײַנגעשפּרונגען אין מיטן -- אויב אַזוי, טאָ וואָס וואָלט געווען מיט מיר? בײַ וועמען וואָלט איך דענטו|סמאָל געבוירן געוואָרן? בײַ דיר, טאַטעשי, צי בײַ דיר, מאַמעשי? און אפֿשר וואָלט איך געבוירן געוואָרן בײַ פֿרעמדע מענטשן? פֿעעע, אָדער אפֿשר בכלל נישט געבוירן געוואָרן? דענטסמאָל וואָלט איך דאָך נישט געמוזט גיין אין חדר אַרײַן, אַ פֿאַרגעניגן!.... אָבער ס׳איז בעסער, אַז כ׳בין בײַ אײַך געבוירן געוואָרן, בײַ מיר אין דער היים און נישט חלילה אין מצרים, ווײַל היינט האָט מען געלערנט אין חומש, אַז פּרעה ימח-שמו האָט באַפֿוילן אַרײַנצוואַרפֿן אין וואַסער אַרײַן אַלע ייִדישע ייִנגלעך, וואָס ווערן געבוירן, טאָ שטעלט אײַך פֿאָר, אַז מע וואָלט מיך אָנגעטאָפּיעט [זע רוסיש _טאָפּיטי_: דערטרענקען] אין וואַסער, בררר, ס׳איז קאַלט אין וואַסער.... ס׳איז דאָך ווינטער.״

אַלע בײַם טיש האָבן אויסגעשאָסן אַ געלעכטער פֿון מײַן דאַרשענען און איך בין אויפֿגעבראַכט געוואָרן אויף מײַנע צוויי שוועסטער, פֿאַר וואָס זיי לאַכן אַזוי פֿון מיר און כ׳האָב זיי אַרײַנגעזאָגט אין טאַטנס טאַטן אַרײַן.... איצט אָבער, ווען מײַנע צוויי עלטערע שוועסטער זענען געלעגן אויסבאַהאַלטן אין צווייטן צימער, האָב איך אויף זיי געהאַט גרויס רחמנות. אַ מוראַדיקע שטילקייט

האָט געהערשט אין שטוב. כ'האָב געפֿילט דעם ציטער פֿון טאַטע-מאַמע פֿאַר זייערע טעכטער, מע זאָל זיי חלילה קיין שלעכטס נישט טאָן. דער אומגליק זאָל, גאָט באַהיט, נישט אַרײַנגעבראַכט ווערן אין אונדזער הויז.... נישט, חלילה, פֿאַרשעמט ווערן, ווי די מאַמע האָט דאָס אָנגערופֿן....

די יללות, די גוואַלדן פֿון אונדזערע שכנים זענען אַלץ שטילער און שטילער געוואָרן. נאָר די קרעכצן פֿון די יונגע צעבולסקיס טעכטער האָבן זיך נאָך געטראָגן פֿון זייער וווינונג. קרעכצן פֿון יסורים און באַליידיקונג. פּלוצעם אַ טופּעריי פֿון סאָלדאַטסקע דײַטשע שטיוול. די הערצער אונדזערע בלײַבן שטיין. אַ געקלאַפּעריי אין אונדזער טיר: "אופֿמאַכען!!! אופֿמאַכען!!! זאָפֿאָרט אופֿמאַכען!!!"

***

"אופֿמאַכען!!! אופֿמאַכען!!! זאָפֿאָרט אופֿמאַכען!!!" האָבן מיט יאָרן שפּעטער געקלאַפּט מײַנע קליינע שוואַכע פֿויסטן פֿון אַ באַפֿרײַטן קאַצעטניק אין די טירן פֿון דײַטשע היימען און געמאַכט ציטערן הערצער פֿון דײַטשע מענער, פֿרויען און קינדער. מיט אַלע מײַנע כּוחות האָב איך פּראָבירט נאָכצומאַכן די דײַטשע קולות פֿון יענער שוידערלעכער סעפּטעמבער-נאַכט 1939, ווען זיי האָבן געקלאַפּט אין אונדזער טיר....

איצט האָב איך זיך מיט די פֿיר רויטאַרמייערס שטורמיש אַרײַנגעריסן אין דײַטשע היימען און געזייט חורבן. און כאָטש כ'בין געווען געצוווּנגען מיט כּוח מיטצומאַכן דאָס אַלץ, האָב איך, נישט געקוקט אויף מײַן רחמנות צו די באַזיגטע דײַטשן, דאָס ערשטע מאָל נאָך זעקס יאָר געפֿילט, אַז איך לעב. אַז נישט בלויז איך בין דערנידעריקט געוואָרן, נאָר אַז אויך זיי, מײַנע פּײַניקערס, זענען איצט דערנידעריקט און טיף געפֿאַלן. אויב נישט נאָך טיפֿער....(1)

אַזוי ווי איך שלאָף איצט געשמאַק אויף דעם יונגן שיינעם מיידל, אין אירע וואַרעמע אָרעמס, כאָטש בכלל נישט אַזוי רויִק

ווי מע קען מיינען, קאָן איך דערוויַילע דערציילן וועגן דעם סוף פֿון איר פֿאָטער, נאָך דעם ווי מיר ווייסן שוין, וואָס עס איז געשען מיט איר מוטער. אָבער איידער כ'וועל דערציילן וועגן דעם וויל איך קודם

דערציילן וועגן "טויטנמאַרש." וואָס דאָס איז געווען אַ טויטנמאַרש - - ווייסט מען זייער ווייניק, צוליב דער פּראָסט פּשוטער סיבה, וואָס זייער ווייניק זענען אַרויס לעבעדיק פֿון אַזאַ מאַרש. דאָס געביין פֿון די מערסטע, וואָס האָבן דאָס מיטגעמאַכט, איז געבליבן ליגן צעזייט און צעשפּרייט אויף די וועגן, פֿעלדער און וועלדער פֿון דײַטשלאַנד. און די ווייניקע וואָס זענען דורך אַ נס יאָ האַלב לעבעדיק אַרויס, איז איינס פֿון די צוויי: אָדער זיי ווילן נישט וועגן דעם דערציילן, אָבער זיי האָבן נישט וועמען צו דערציילן. טאַקע דערפֿאַר מאַך איך אַ קליינע הפּסקה און כ'וועל דווקא יאָ עפּעס וועגן דעם דערציילן.

ס'איז געווען סוף חודש מאַרץ 1945, און אפֿשר ערשטער אַפּריל, כאָטש דאָס פּאַסט בכלל נישט אַרײַן פֿאַר אַן ערשטער אַפּריל-מעשׂה. איין מאָל, בײַם פֿרימאָרגן-אַפּעל, נאָכן אָפּציילן די "העפֿטלינגען" פֿאַרן אַרויסמאַרש צו דער אַרבעט אין די זאַלצגרובן, וווּ מיר האָבן געהאָרעוועט 480 מעטער טיף אין דר'ערד פֿאַר דער דײַטשער קריג-אינדוסטריע, ווײַל אויבן אין דרויסן איז שוין אַלץ געווען צעבאָמבאַרדירט דורך די אַלייִרטע עראָפּלאַנען, האָט אונדז דער קאָמענדאַנט פֿונעם לאַגער "שטאַספֿורט" בכבֿודו-ובֿעצמו אָנגעזאָגט די בשׂורה, אַז מע גייט מער נישט אַרויס צו דער אַרבעט, ווײַל דער שׂונא דערנענטערט זיך און מיר מוזן אַוועק. וווּהין? דאָס האָט ער אונדז נישט געזאָגט און פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן אים נישט געפֿרעגט. מיר האָבן בלויז געציטערט, אַז מ'זאָל אונדז נישט אַוועקפֿירן און אונדז פֿאַרטיק מאַכן. אָבער אויב פֿאַרטיק מאַכן, טאָ צו וואָס אַוועקפֿירן? זיי קענען דאָך אונדז אַלע אָן שום צערעמאָניעס אויסשיסן אויפֿן אָרט. איינער אַ לץ צווישן אונדז האָט זיך אָנגערופֿן צו איטשען:

"קוק אים אָן (דעם לאַגער-קאָמענדאַנט) ר'איז נעבעך אויף צרות. ער ווייסט נישט, וואָס מיט אונדז צו טאָן. גיב אים אַן עצה, אַז ס'איז אַ שאָד די גאַנצע טירחה, אויפֿן פּלאַץ וועט זײַן לײַכטער"....

אָבער איטשע האָט דעם קאָמענדאַנט עצות נישט געגעבן, נאָר געזאָגט, ווי צו זיך: "גיי זײַ אַ חכם און פֿאַרשטיי די רוצחים."

מיר זענען אַלע צוריק אַרײַן אין די באַראַקן און מיט אַ שעה שפּעטער זײַנען מיר ווידער געשטאַנען אויסגעשטעלט אין די רייען

גרייט אַרויסצומאַרשירן. יעדער איינער האָט געקראָגן דאָס מאָל אַ טאָפּעלע פּאָרציע קאַווע, אַ סימן, אַז מ׳גייט אונדז טאַקע באַלד פֿאַרטיק מאַכן, ווײַל נישט איין מאָל האָבן די נאַציס אויסגעטיילט טאָפּעלע פּאָרציעס ברויט מיט מאַרמעלאַד דווקא צו די אויסגעסעלעקטירטע צום דערשיסן און נישט איין מאָל פֿלעגן זיך פֿרײַוויליקע מעלדן צום טויט, אַבי צו באַקומען אַ טאָפּעלע פּאָרציע ברויט מיט מאַרמעלאַד. אָבער נישט תּמיד איז אַזאַ איינעם געלונגען.

איך האָב אַ מאָל אַליין געזען, ווי אַ דײַטשער מײַסטער האָט צעממיתטט אַזאַ איינעם און געשריגן צו אים: ״שטאַרבן ווערסטו, ווען איך וועל וועלן!״ און האָט אים צוריקגעיאָגט צו די לעבעדיקע. אָך און ווײ איז שוין אָבער געווען צו די יעניקע, וואָס האָבן בלויז געלעקט די שיטערע מאַרמעלאַד און ניט תּיכּף אַרײַנגעפּוצט די פּײַקע ברויט מיט אַ מאָל. אַזאַ איינער האָט שוין געהאַלטן בײַ נעילה( 2), פֿלעגן די לצנים זאָגן, אַ סימן פֿון אַ פֿולשטענדיקן מוזלמאַן, הויט-און-ביין. ער קאָן שוין אפֿילו מער נישט עסן. אַזאַ איינער האָט בלויז געקוקט ווי אַ פֿאַרסאַמטע חיה, מיט די לעצטע אינסטינקטן, אויף דער פּײַקע ברויט, וואָס ער האָט פֿעסט געהאַלטן אײַנגעקלאַמערט אין זײַנע אויסגעדאַרט סקעלעטישע הענט, ווי דאָס וואָלט געווען דער גרעסטער אוצר אויף דער וועלט. און ס׳איז

אמת, דאָס איז געווען דער גרעסטער אוצר וואָס אַ מענטש קאָן זיך נאָר אויסמאָלן. און אויב אַזאַ איינעם איז דאָך געלונגען אַראָפּצושלינגען אַ כּזית ברויט, האָט מען געקענט זען ווי דאָס שטיקל ברויט וואַנדערט אַדורך פֿון זײַן מויל דורכן האַלדז אינעם מאָגן אַרײַן.

אַלע אַרום האָבן אויף דעם געקוקט ווי אויף עפּעס אַ ווונדער, און זיך דערבײַ פּאָסמאַקעוועט, צוקוקנדיק זיך, ווי דאָס שטיקל ברויט גליטשט זיך פּאַוואָליע אַראָפּ אין יענעמס מאָגן אַרײַן. אַלע אַרום האָבן מיטגעשלונגען, אַזוי ווי דאָס שטיקל ברויט וואָלט זיך נישט אַראָפּגעגלישט אין יענעמס, נאָר אין זייער אייגענעם מאָגן אַרײַן. איינס דאַרף מען וויסן, אַז די פֿאַנטאַזיע האָבן די נאַציס בשום-אופֿן נישט געקאָנט אַוועקנעמען בײַ די קאַצעטניקעס. אַלץ איז זײ געלונגען צוצורויבן, אַחוץ דער פֿאַנטאַזיע. און מיט פֿאַנטאַזיע קאָן

דאָך דער מענטש מיטמאַכן די גרעסטע אַוואַנטורעס אויף דער וועלט.

אפילו אין לאַגער, אונטער די עלעקטרישע דראָטן, איז איין זאַך געבליבן גאַנץ, נישט באַרירט, זויבער ריין: די פֿאַנטאַזיע. אוי, די פֿאַנטאַזיע, דער חלום! ווער ס'האָט דאָס פֿאַרלוירן, איז געווען פֿאַרלוירן....

די מענאַשקע [זע פּויליש _מענאַזקאַ_ 'פֿעלדפֿלאַש'], צי דאָס בלעכל, וואָס יענער האָט מיט זיך געטראָגן, ווי אַ כּלי-זיין, צוגעבונדן מיט אַ שטריק אָדער דראָט צום בויך, איז דאָס מאָל, פֿאַרן אַרויסמאַרש אין וועג אַריַין, געווען אָנגעפּילט מיט ביטער וואַסער וואָס מע האָט עס גערופֿן "קאַווע". יעדער איינער האָט מיט זיך אויך געפּירט אַ דעק. אַ גוטער סימן, אַז מע וועט אים אפשר ניצן. איך האָב אונטער דעם דעק, וואָס כ'האָב געהאַט אַרומגעבונדן אַרום די אַקסלען, אויך געטראָגן אויסבאַהאַלטן אַ טאָרבע מיט מערן. יאָ, מערן, לאַנגע ראָזעווע מערן, וואָס איך האָב אין דער לעצטער מינוט דורך אַ צופֿאַל אָרגאַניזירט, אין אַ פּשוטער שפּראַך הייסט דאָס צוגעלקחנט, דאָס מאָל אין דער קיך. ווי אַזוי? דאָס איז שוין אַ מעשׂה פֿאַר זיך. אָבער אַ דאַנק די מערן אפשר, לעב איך היַינט. און אפשר האָב איך גאָר מיט די געגנבֿעטע מערן אַוועקגערויבט אַנדערע לעבנס? יאָ, היַינט קאָן איך זיַין אַ חכם און טראַכטן ווי אַזוי ס'פּאַסט מיר צו טראַכטן, אָבער נישט דענצמאָל....

במשך פֿון צוויי טעג און צוויי נעכט האָב איך געהאַלטן אין איין גריזשען די מערן און אַזוי דערהאַלטן ס'לעבן. אָבער צוליב די מערן בין איך אויך שיעור אומגעקומען, וויַיל ווי נאָר אַ פֿראַנצייזישער קאַצעטניק האָט באַמערקט, אַז איך גריזשע אין געהיים מערן, האָט ער זיך באַלד צו מיר צוגעטשעפּעט און פֿאַרלאַנגט ס'זיַיניקע, אַז איך זאָל אים אויך געבן "דע-קאַראָט". און טאַקע פֿאַר וואָס נישט? ס'איז אים דען נישט געקומען? ער איז דאָך געווען דער זעלבער מחותּן צו די מערן, וואָס איך; מ'האָט דאָך געלעבט פֿון איין און דעם זעלבן טאָפּ, פֿון דער זעלבער קיך. נאָך אַ האַלבן טאָג זיך בעטן, האָב איך אים געגעבן אַ האַלבן מער. אָבער באַלד האָבן דאָס באַמערקט זיַינע פֿראַנצייזישע "קאַמעראַדן" און מע האָט אָנגעהויבן רופֿן: "דע-

קאַראָט!״ און זיי זענען אויף מיר אַרויף ווי די היישעריקן און מיד שיעור נישט צעטראָטן.

אַ מזל וואָס איטשע האָט דאָס דערזען און מיך כּמעט אין דער לעצטער מינוט קוים אַרויסגעשלעפּט פֿון אונטער דער קופּע פֿראַנצויזן, וואָס זענען אויף מיר געלעגן. איך האָב שוין אָבער געהאַט אַלע מערן אַרײַנגעפּוצט, בלויז די לעצטע צוויי גרויסע מערן האָבן זיי בײַ מיר צוגערויבט. זאָל זיי ווויל באַקומען! צוויי פֿראַנצויזן האָבן זיך מער נישט אויפֿגעהויבן, זייערע חבֿרים האָבן זיי צעטראָטן. כּדי צו זײַן זיכער, אַז זיי לעבן נישט מער, האָט דער לעצטער עס-עס-וואַכמאַן, וועלכער איז געגאַנגען פֿון הינטן, זיי צוגעשאָסן. ווײַל וויסן דאַרף מען, אַז קיין לעבעדיקער קאַצעטניק האָט נישט געטאָרט אַרײַנפֿאַלן אין די הענט פֿון די אַלייִרטע. דער לאַגער-קאָמענדאַנט האָט פֿון פֿאָרויס אונדז געהאַט געוואָרנט, אַז ווער עס וועט נישט קענען גיין, וועט ווערן דערשאָסן. אין דער לעצטער מינוט פֿאַרן אַרויסמאַרש האָט ער געמאָלדן, אַז ״ווער עס קען נישט גיין, און פֿילט זיך נישט בײַ די כּוחות אָדער איז קראַנק, זאָל אַרויסטרעטן פֿון דער רײַ. זיי וועלן עוואַקויִרט ווערן צוזאַמען מיטן גאַנצן לאַזאַרעט קראַנקע אויף ספּעציעלע וואָגנס.״ די יעניקע וואָס זענען אַרויסגעטרעטן, האָט מען גלײַך אויפֿן אָרט דערשאָסן צוזאַמען מיט דעם גאַנצן לאַזאַרעט קראַנקע.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער ״מאַרש,״ וועלכן מען האָט שפּעטער גערופֿן ״דער טויטנמאַרש.״ צו פֿינעף אײַנגעהאַקט אין לאַנגע רייען, קנאַפּע דרײַ טויזנט קאַצעטניקעס פֿון פֿאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן האָט מען אַרויסגעטריבן אין וועג אַרײַן, וואָס פֿאַר מײנסטע איז דאָס געווען דער לעצטער וועג. דער גרעסטער טייל איז געווען פֿראַנצייזישע פּאָליטישע געפֿאַנגענע, עטלעכע הונדערט רוסן, ווײַסרוסן, אוקראַיִנער, עטלעכע דײַטשע קרימינעלע און אַ דרײַהונדערט פּוילישע ייִדן, און אויך צענדליקער פֿון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. הכּלל, אַן ערבֿ-רבֿ פֿאַראייניקט אין איין גורל. אפֿילו אונדזערע שומרים, די עס-עס-וואַכמענער, זענען אויך נישט אַלע געווען ריינע דײַטשן. אַ סך צווישן זיי זענען געווען אונגאַרישע פֿאָלקסדײַטשן, סלאָוואַקן און ווער ווייסט וואָס נאָך? אַ טייל האָט קוים געקענט רעדן דײַטש און צווישן זיך האָבן די אונגאַרן געקלאַפּט, נאַטירלעך, מאַדזשאַריש. נו, כ׳זאָל אים חלילה נישט

פֿאַרגעסן צו דערמאָנען, כ׳מיין דעם געפֿאַנגענעם אַמעריקאַנער פֿליִער, וואָס איין גאָט ווייסט, ווי אַזוי ער האָט זיך בײַ אונדז געומען. דאָס איז געווען דער ערשטער אַמעריקאַנער וואָס איך האָב בכּלל געזען אין מײַן לעבן.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך שוין אַ מאָל יאָ געהאַט געזען אין מײַן שטעטל אַן אַמעריקאַנער, אָבער יענער איז געווען אַ קוילן-גרעבער, וואָס איז צוריקגעקומען אַהיים נאָך צוואַנציק יאָר אָפּהאָרעווען אין גאָלדענעם לאַנד. על-כּל-פּנים האָט ער אין מײַנע אויגן נישט אויסגעזען ווי אַן עכטער אַמעריקאַנער, כאָטש ער האָט געהאַט אַ פֿול מויל מיט גאָלדענע ציין. דער אין לאַגער איז אָבער געווען אַן עכטער אַמעריקאַנער, כאָטש ער האָט קיין גאָלדענע ציין נישט געהאַט. ער האָט זיך באַוויזן ממש ווי אַ מעטעאָר און איז פֿאַרשווונדן ווי אַ געוויינלעכער קאַצעטניק. דאָס ערשטע מאָל האָבן מיר אים געזען אין לאַגער עטלעכע טעג פֿאַרן אַרויסמאַרש, ווי ער וואָלט טאַקע אַראָפּגעפֿאַלן צו אונדז פֿון הימל.

וואָס הייסט אַן אַמעריקאַנער אין קאַצעט? -- האָבן זיך אַלע געוווּנדערט. דעם ערשטן רושם האָט ער געמאַכט ווי אַ באַשעפֿעניש פֿון אַן אַנדערן פּלאַנעט, ביז מיר האָבן זיך צוגעוווינט און אין אים געזען אַ זייער סימפּאַטישן בשׂר-ודם. ער איז געווען הויך, ברייטפּלייציק, ברונעט, ממש אַ ריז מיט אַ פּאָר ברענענדיקע שוואַרצע אויגן; ווען ער האָט געלאַכט האָט זיך באַוויזן אַ מויל מיט שנייוווײַסע ציין. ער האָט געטראָגן אַ כאַקי-מונדיר מיט הויכע געשנורטע שיך, וואָס איך האָב דאָס נאָך קיין מאָל נישט געהאַט פֿריִער געזען. ער איז געווען נישט בלויז העכער פֿון אַלע ״העפֿטלינגען,״ נאָר אויך העכער פֿון אַלע דײַטשן אַרום, מיטן לאַגער-קאָמענדאַנט צוזאַמען. באַוועגט האָט ער זיך לײַכט, כאָטש ער איז געווען שווער. געגאַנגען ווי אויף ספּרענזשינעס, ממש אין ריטעם פֿון דזשעז, ווי איטשע פֿלעגט אויף אים זאָגן. איטשע, וואָס איז אַליין אויך נישט געווען קיין מפּל-קינד, האָט אים גלײַך אַ נאָמען געגעבן ״עוג-מלך-הבשן פֿון אָנקל סעמס לאַנד״ און אים חושד געווען, אַז ער איז גאָר אַ ייִד. אונטער פֿיר אויגן האָט ער אים אַ מאָל אַ פֿרעג געטאָן:

- זינד זי יודע, שמע-ישׂראל! -- און דער אַמעריקאַנער האָט זיך געלאַכט, ווייַזנדיק, ווי געוויינטלעך, זייַנע שנייוווייַסע ציין, אָבער קיין קלאָרן ענטפֿער האָט ער נישט געגעבן.

יאָ ייִד, נישט ייִד, אַ חבֿרהמאַן איז ער שוין איין מאָל געווען! "גאָר אַ ווילדער יאַט," ווי ס'זינגט זיך אין לידל.... תּמיד מיט אונדז געלאַכט און געלאַכט פֿון די דייַטשן. געלאַכט זיי אין פּנים אַרייַן, אַז זיי זענען שוין קאַפּוט, פֿאַרשפּילט אויף דער לאָטעריע.... ער פֿלעגט מיט אונדז שפּאַסן ווי דאָס גאַנצע לעבן, דער לאַגער, דער טויטנמאַרש מיט די דייַטשן צוזאַמען וואָלטן סך-אַכּל נישט מער געווען ווי עפּעס אַ וויץ, אַ קאַטאָוועסל. ער איז געווען דער איינציקער אויפֿן טויטנמאַרש וואָס האָט נישט געהאַט קיין זאָרגן, יעדן פֿאַלס, אַזאַ רושם האָט ער אויף אונדז געמאַכט. מיט די דייַטשן פֿלעגט ער האַלטן אין איין איינטענהן פּאָליטיק, כאָטש זיי פֿלעגן אים זעלטן ענטפֿערן. זיי פֿלעגן אים אויסהערן און שווייַגן.

איטשע האָט אים געוואָרנט, אַז ס'איז געפֿערלעך. דער אַמעריקאַנער האָט געענטפֿערט, אַז ער האָט נישט מורא, ער איז אַ קריגס-געפֿאַנגענער, געשיצט דורך דער זשענעווער "קאָנווענץ" פֿאַר קריגס-געפֿאַנגענע. "ווי גרויס, אַזוי נאַיִוו," האָט איטשע אַ מאָל געזאָגט, אָנווייַזנדיק אויף "עוג- מלך-הבשן פֿון אָנקל סעמס לאַנד."

עמעץ האָט דערציילט, אַז דער אַמעריקאַנער האָט פּראָבירט צוצורעדן דעם קאָמענדאַנט, אַז פֿאַר זייַן אייגענער טובֿה וועגן וואָלט געווען צום בעסטן ער זאָל מיטן גאַנצן טראַנספּאָרט זיך אונטערגעבן צו די אַלייִרטע, ווייַל סייַ ווי סייַ איז אַלץ פֿאַר די דייַטשן פֿאַרלוירן. אין די לעצטע טעג פֿונעם מאַרש, ווען די עס-עס-וואַכמענער האָבן זיך שוין אויך אָנגעהויבן צו לויזן, ווי מיר, קאַצעטניקעס. האָט ער זיך אַ מאָל צו אונדז אָנגערופֿן אין זייַן פּערפֿעקטן דייַטש: "קוקן זי מל אַן ווי דאָס העררענפֿאָלק לויזט זיך!"....

דעמאָלט אָבער איז שוין אויך דער אַמעריקאַנער נישט געווען דער זעלבער אַמעריקאַנער. איטשע האָט אים שוין אויך מער נישט גערופֿן עוג-מלך-הבשן פֿון אָנקל סעמס לאַנד," ווייַל ער איז עס שוין מער נישט געווען. פֿון טאָג צו טאָג, פֿון שעה צו שעה איז דער ריזיקער אַמעריקאַנער געוואָרן אייַנגעשרומפּן, ווי אַ באַלאָן, פֿון וועלכן מען

לאָזט אַרויס די לופֿט. זײַן הויכער שלאַנקיקער קערפּער, זײַנע ברייטע פּלייצעס האָבן זיך ראַפּטום אַראָפּגעלאָזט און מיט דער דעק אויף זײַנע אײַנגעהויקערטע פּלייצעס האָט ער אויסגעזען אין גאַנצן ווי איינער פֿון אונדז, אַ פּאָלנער קאַצעטניק. אַזוי צופּאַסן זיך, אַזאַ שנעלע אַסימילאַציע האָט מען ווייניק אפֿילו אין לאַגער געקאָנט זען. אָבער מיר זענען דאָך געווען אויפֿן טויטנמאַרש און דאָ האָט אַלץ שנעל פּאַסירט. ווען נישט זײַנע הויכע געשנורטע שיך, וואָס זענען שוין אויך געווען אין גאַנצן אויסגעריבן און צעלייגט, וואָלט מען בכּלל מער נישט געקענט דערקענען, אַז דאָס איז דער זעלבער אַמעריקאַנער. נאָר דער הומאָר איז בײַ אים געבליבן ווי פֿריִער. ווי דער גײַסט וואָלט בײַ אים נישט געהאַט קיין שום קשר מיטן פֿיזישן מצבֿ.

מיר זענען אַרויס דורכן טויער פֿון לאַגער אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג, נישט ווי מיר פֿלעגן יעדן טאָג מאַרשירן צו די זאַלצגרובן. עס האָט זיך פֿאַר אונדז אַנטפּלעקט אַ פּראַכטיקע פּאַנאָראַמע פֿון אַ פֿרײַער וועלט, פֿון פֿעלדער, וועלדער, בערגעלעך און טאָלן, וואָס יאָרן לאַנג האָבן מיר דאָס שוין נישט געהאַט געזען. מיר האָבן בכּלל פֿאַרגעסן אַז ס'עקסיסטירט נאָך אַזאַ מין שיין וועלטעלע אויף גאָטס ערד. די שאַרפֿע ריחות פֿון די פֿעלדער, וואָס האָבן זיך נאָר וואָס געהאַט אָנגעהויבן צו פֿאַרשפּרייטן נאָך דעם לאַנגן ווינטער, האָבן ווי מיט אַ האַמער אומברחמנותדיק אַ זעץ געגעבן אויף דער גאַנצע מחנה מענטשן און אונדז אַלע פֿאַרשיכּורט, אַז די פֿיס האָבן זיך אַזש געוואַקלט. די זון האָט עפּעס אַזוי חוצפּהדיק, אומפֿאַרשעמט, פּשוט, אונדז געלאַכט אין פּנים אַרײַן, ווי זי וואָלט זיך גערייצט מיט אונדז, חוזק געמאַכט פֿון אונדזער מעמד, ווי זי וואָלט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט, אַז אַ מלחמה גייט אָן

אויף גאָטס ערד מיט קאַצעטניקעס, עס-עס-וועכטערס, הונגער און טויט.

און אפֿשר, ווער ווייסט? -- אפֿשר האָט זי, די זון, אונדז גאָר געוואָלט טרייסטן? געוואַרעמט מיט אירע אָנגענעמע שטראַלן אונדזערע אויסגעדאַרטע ביינער און ערגעץ טיף פֿאַרבאָרגן אין האַרצן געוועקט בײַ אונדז האָפֿענונג. מיר האָבן זיך טאַקע באַלד צוריק צו איר צוגעוווינט און צוריק היימיש געוואָרן מיט דער שיינער וועלט.

זשאַק, אַ פֿראַנצייזישער קאַפּאָ, אַ געוועזענער פּראָפֿעסאָר אויף איינער פֿון די עלזאַסער אוניווערסיטעטן, האָט איצט התלהבֿותדיק רעציטירט אַן אַלט דײַטשיש סטודענטיש ליד:

עס גייט צום פֿרילינג,<br>
די אייער ווערן ביליגער,<br>
די מיידלעך ווערן וויליקער,<br>
פֿרילינג אַלע סאָרטן,<br>
עס שמעקט מיט אַבאָרטן....

זינט דענצמאָל אויפֿן טויטנמאַרש האָט נאָך פּאָעזיע אויף מיר קיין מאָל נישט געמאַכט אַזאַ אײַנדרוק ווי דאָס פּראָסטאַצקע סטודענטן-לידל, וואָס זשאַק האָט רעציטירט דערזעענדיק די פּראַכטיקע, ווונדערלעכע פֿרילינג-פּאַנאָראַמע, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פֿאַר אונדזערע אויגן. מיט אַ מאָל האָט אויסגעזען ווי דער גאַנצער טראַנספּאָרט קאַצעטניקעס איז אַראָפּ פֿון זינען.

מיר זענען אַלע אַרײַן אין אַ משונהדיקן טראַנס פֿון פֿאַרגעסונג. ס'האָט אויסגעזען ווי די גאַנצע מחנה וואָלט זיך מיט אַ מאָל אָפּגעריסן פֿון דער ערד, זיך אויפֿגעהויבן אין דער לופֿט און געשוועבט אין עפּעס אַ חלום, אין אַ פֿאַנטאַזיע. די ערשטע האָבן זיך די פֿראַנצויזן געזונגען, באַלד די רוסן אונטערגעכאַפּט דאָס לידל און זיך געזונגען אין רוסיש, אין אוקראַיִניש, אין ווײַסרוסיש. עמעצער פֿון אונדז האָט אָנגעהויבן צו זינגען אין פּויליש און באַלד האָט אַן אַנדערער אונטערגעכאַפּט דאָס זעלבע לידל אין ייִדיש. די גאַנצע מחנה האָט זיך געזונגען, ווי מיר וואָלטן געגאַנגען אויף עפּעס אַ פּיקניק און נישט אויפֿן טויטנוועג. און ס'דאַכט זיך מיר אַז אויך די עס-עס-וואַכמענער האָבן מיטגעזונגען. ס'איז געווען פֿרילינג. מײַן ערשטער פֿרילינג פֿון אַ ייִנגל וואָס האָט מיט אַ מאָל דערפֿילט אין זיך, אַז ער ווערט אַ מאַן, מעג דאָס אפֿילו זײַן אויפֿן טויטנמאַרש. אַ טעמפּער שאָס פֿון אַ רעוואָלווער האָט איבערגעהאַקט מײַנע שיינע אילוזיעס. ווידער האָט אַ וואַכמאַן אַוועקגעלייגט איינעם פֿון אונדז, וואָס האָט מער נישט געקענט גיין.

(דריטער טייל

בראש פֿון טראַנספּאָרט איז געגאַנגען דער אונטערשאַרפֿירער, וועלכער איז געווען פֿאַרטרעטער פֿונעם לאַגער-קאָמענדאַנט. הינטער אים דער הויפּטקאַפּאָ, אַ פּאָליאַק פֿון פּאָמערן, וועלכן די נאַציס האָבן איינגעשפּאַרט, ווײַל ער האָט נישט געוואָלט מיטאַרבעטן מיט זיי און אפֿילו נישט געוואָלט אָננעמען די דײַטשע נאַציאָנאַליטעט, כאָטש פֿון זײַן פֿאָטערס צד האָד ער געשטאַמט פֿון דײַטשן. מיט אַ פֿאַרריסענעם פּוילישן פּאַטריאָטישע שטאָלץ האָט ער געטראָגן דעם רויטן דרײַעק אויף זײַן לינקער זײַט ברוסט -- דעם צייכן פֿון אַ פּאָליטישן העפֿטלינג. ער איז געקומען מיט אונדז, פּוילישע ייִדן, פֿון בוכענוואַלד ווי הויפּטקאַפּאָ און איז געווען דער ממונה איבער אונדז. מ'האָט אונדז געהאָט אָנגעזאָגט פֿאַרן אַרויספֿאָרן: "די קאַפּאָס, וואָס פֿאָרן מיט אײַך מיט, מוזן זיך אָנשטענדיק אויפֿפֿירן און אײַך קיין שלעכטס נישט טאָן, אײַך נישט שלאָגן, ווײַל אויב נישט וועט אונדזער האַנט זיי דערגרייכן אפֿילו פֿון דער ווײַטנס." דאָס האָבן דאָ אָנפֿירערס פֿונעם לאַגער בוכענוואַלד, אַלע כּמעט דײַטשע פּאָליטישע העפֿטלינגען, אונדז אָנגעזאָגט פֿאַרן אַרויספֿאָרן אין די זאַלצגרובן (ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן האָבן זיי אַלע געהערט צום בוכענוואַלדער געהיימע אונטערגרונט). לעבן דעם פּוילישן הויפּטקאַפּאָ איז געגאַנגען זשאַק, דער הויפּטקאַפּאָ פֿון די פֿראַנצויזן, און רעציטירט דאָס לידל. אויך זשאַק איז געזעסן כּמעט פֿאַר די זעלבע חטאָים וואָס אונדזער פּוילישער הויפּטקאַפּאָ. אויך ער האָט געשטאַמט פֿון געמישטע עלזאַסער עלטערן, האָט שטודירט אין דײַטשע אוניווערסיטעטן, אָבער ער איז אויך געווען טעטיק אינעם פֿראַנצייזישן ווידערשטאַנד, גענוי ווי זײַנע מיטאַרעסטאַנטן. די אַנדערע קאַפּאָס זענען אַלע געווען פֿראַנצויזן, חוץ צוויי דײַטשע קאַפּאָס, וואָס האָבן געטראָגן צוגענייט צו זייערע העפֿטלינג-נומער גרינע דרײַעקן, אַ סימן: קרימינעלע אַרעסטאַנטן. אויך זיי זענען געקומען מיט אונדז פֿון בוכענוואַלד און האָבן זיך דערווײַלע לגבי אונדז גוט אויפֿגעפֿירט.

איך האָב זיך געשטופּט פֿון פֿאָרנט. אַזוי ווי דער לאַגער-קאָמענדאַנט האָט אָנגעזאָגט אַז די וואָס וועלן נישט קענען גיין, וועט מען דערשיסן, האָב איך געזאָגט צו בעניעקן, מײַנעם אַ חבֿר פֿון לאַגער, אַ ייִנגל אין מײַן עלטער, מיט וועמען כ'בין געשלאָפֿן אויף דער זעלבער פּריטשע: "בעניעק, קום פֿון פֿאָרנט, ווײַל פֿון הינטן וועט מען שיסן! צווייטנס, אונדזער הויפּטקאַפּאָ גייט פֿון פֿאָרנט און

ס׳איז בעסער צו זײַן נאָענט צום אים.״ דער הויפּטקאַפּאָ פֿלעגט תּמיד אויף אונדז בײדע אַ ביסל בעסער קוקן און אונדז רופֿן: ״דזיִעטשי״ (קינדער) איבער הויפּט זינט בעניעק האָט אים געגעבן אַ גאָלדענעם דימענטרינג. די מעשׂה איז געווען אַזוי: איין מאָל, צוריקגײענדיק פֿון דער אַרבעט אין לאַגער אַרײַן, האָט זיך בעניעק באַקלאָגט פֿאַר מיר מיט זײַן פּיעשטשענדיקער שטים, ווי אַ מאַמעס אַ זינדל, אַזוי ווי איך וואָלט גאָר געווען זײַן מאַמע: ״יעקבֿ, כ׳קען נישט גײן!״ ״טאָ לײג דיך אַוועק!״ -- האָב איך אים געענטפֿערט קאַלט, ווי אַ גזלן. בעניעק האָט אויף מיר אַ קוק געגעבן מיט אַזאַ מין נעבעכדיקער מינע, אַז כ׳האָב געמײנט אַז באַלד ברעכט ער אויס אין אַ געווײן, ווי בײַ זײַן מאַמען אין דער הײם. אַזוי אומבאַהאָלפֿן איז ער געווען! כ׳האָב מיר געטראַכט, ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז ער האָט אויסגעהאַלטן ביז איצט? כּמעט דרײַ יאָר אין לאַגער!

בעניעק האָט גערעדט בלויז פּויליש. פֿאַר מיר, פֿאַר דעם ייִנגל פֿון קלײנעם שטעטל, האָט דאָס אויסגעזען זײער אויסטערליש, נישט נאָרמאַל. וואָס הײסט? אַ ייִד און קען נישט קײן מאַמע-לשון? ביז ער האָט מיר נישט געוויזן, אַז ער איז געמלעט, האָב איך אים נישט געוואָלט גלײבן, אַז ער איז אַ ייִד. דערפֿאַר האָט ער אָבער גערעדט פֿראַנצײזיש, אָדער ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז ער רעדט, ווײַל מיט די פֿראַנצויזן פֿלעגט ער זיך תּמיד פֿאַרשטענדיקן אין זײער שפּראַך. די פֿראַנצויזן פֿלעגן אים דערפֿאַר ליב האָבן און רופֿן: ״פּאָלאָנע, פּאָלאָנע קי פּאַרל פֿראַנסע... (דער פּאָליאַק וואָס רעדט פֿראַנצײזיש). ״ראָזומיעש? פֿאַרשטײסט? -- האָט מיר בעניעק אַ מאָל אין זײַן קלינגענדיקן שײנעם קראָקעווער פּויליש אַ שטאָלצער געזאָגט -- בײַ אונדז אין דער הײם האָבן אַלע קינדער געלערנט פּאָ פֿראַנצוסקו״...

ער האָט געשטאַמט פֿון אַ רײַכער קראָקעווער אַסימילירטער פֿאַמיליע און ווען ער איז נאָר געווען אַ קלײן קינד פֿלעגט אים זײַן מאַמע, זײַן ייִדישע מאַמע, בײַם אײַנשלעפֿן, צוזינגען די הײליקע קאָלענדעס, אַזוי פֿאַרפּוילישט זענען זײ אין דער הײם געווען. דאָך פֿלעגן זײ צווײ-דרײַ מאָל אין יאָר גײן אין דער שול אַרײַן, אין דעם באַקאַנטן קראָקעווער פּראָגרעסיוון טעמפּל, ראש-השנה און יום-כּיפּור. אָבער אויך ניטל פֿלעגן די עלטערן פּראַווען ספּעציִעל פֿאַר די

קינדער, מיט אַ יאָלקע [ניטל-בוים] כּמוֹכ שכּתוּבֿ און קיינעם גאָרנישט שולדיק געבליבן.

"האַלט דיך נישט אַזוי גרויס, פּאַן בעניעק" -- האָב איך אים אַ מאָל צוריק אַרייַנגעזאָגט מיט אַ נישט קלענערן שטאָלץ -- "אויך איך האָב געשוויענטשעט, געפּראַוועט באָזשע-נאַראָדזעניע, נישט מיט קיין יאָלקע, חלילה, ווייַל דער טאַטע וואָלט מיך דערהאַרגעט, אָבער כ'בין אַרומגעלאָפֿן מיט אַ פּנים פֿאַרשמירט מיט סאַזשע, ווי פּורים, מיט מייַנע גוייִשע חבֿרים, געדרייט אַ גוויאַזדע און געזונגען 'טשעיִ-קרולאָוויע' ('די דרייַ קעניגן).'" און כ'האָב באַלד בעניעקן אויפֿגעזונגען דאָס גאַנצע זמירות. די גוייִם אין שטעטל פֿלעגן הנאה האָבן און אונדז געבן גאַנצע גראָשנס. און כ'האָב זיי נאָך צוגעהוליעוועט אַ קראַקאָוויאַק בעת באָלעק, מייַן גוייִשער חבֿר, פֿלעגט מיר צושפּילן אויף זייַן מויל-האַרמאָשקע, פֿלעגן מיר שוין באַקומען צו גאַנצע פֿינפֿער גראָשנס.

דאָך האָב איך איין מאָל אַרייַנגעכאַפּט אַ געזונטן קאָפּע אין הינטן אַרייַן פֿון אַ פֿאַנאַטישן גוי, אַז כ'האָב אַזש דערזען די שטערן פֿאַר די אויגן. "זשידזשע זדעיִם טשאַפּקע!" -- זשידעק, נעם אַרונטער ס'היטל! האָט ער צו מיר געזאָגט. "ווען דו זינגסט אונדזערע הייליקע קאָלענדעס מוזסטו אַראָפּנעמען ס'היטל פֿון דייַן זשידאָווסקע קאָפּ!"

"אַ כאָלערע, אַ קרענק וועל איך דיר ס'היטל אַראָפּנעמעם!" -- האָב איך אים געענטפֿערט אין אַ ריינעם ייִדיש, ער זאָל חלילה נישט פֿאַרשטיין, ווייַל ער וואָלט מיך נאָך געקענט צעממיתן -- "איך בין אַ ייִד און טאָר דאָס היטל נישט אַראָפּנעמען! פֿאַרשטייסט? חמור-קאָפּ וואָס דו ביסט!" און כ'האָב עם געוויזן די צונג מאַכנדיק דערבייַ אַ ויבֿרך....

דאָך, וואָס פֿאַר אַ שׂמחה איז געווען אין שטעטל, ווען איך פֿלעג נאָכמאַכן ווי אַזוי דער גלח, דער פּראָבאָשטש [פֿאַרוואַלטער פֿון דער קירך -- תּכ] האָט זיך אַ מאָל באַקלאָגט פֿאַרן טאַטן, ווען ער האָט בייַ אים געמאָנט געלט פֿאַרן נייַעם בלעכענעם דאַך, וואָס דער טאַטע האָט צוגעשטעלט פֿאַרן קאָשטשאָל.

״פאַניע קאַנאַר - האָט דער גלח געקלאָגט מיט זײַן פֿאַרכריפּעטער שטים פֿון פֿיל זויפֿן -- פּאַניע קאַנאַר, כאָלערנע צײַטן, שלעכטע צײַטן! קיין לוויות, קיין חתונות, סוף וועלט! כ׳זאָג אײַך, ס׳איז ענדע וועלט!״... ״פּראָשען קשיענדזאַ, נאָך אַ קעלישעק?״ -- האָט דער טאַטע צום וויפֿלסטן מאָל גענומען אין האַנט דאָס פֿלעשל בראַנפֿן, וואָז איז געשטאַנען אויפֿן טיש.

״ביטע, ביטע, האָט דער גײַסטלעכער געענטפֿערט נישט אַראָפּלאָזנדיק אויף קיין רגע זײַנע פֿאַרוואַסערטע כיטרע אויגן פֿונעם פֿלעשל -- אָבער איר טרינקט מיט?״

״נאַטירלעך טרינק איך מיט. דאָס וואָס איר האָט ליב, עקצעלענץ, האָב איך נישט פֿײַנט״ -- האָט דער טאַטע געענטפֿערט און מע האָט געהויבן נאָך אַ כּוסע.

״נאַזדראָוויע״

״אָבער נישט געזאָרגט, פּאַניע קאַנאַר, נאָך די חגאָות זענען תּמיד דאָ פֿרישע לוויות, מען פֿרעסט זיך איבער מיט דער פּעטער שוויניע און ס׳זענען דאָ, גאָט צו דאַנקען, לוויות. דאַן קומט דער מאַרץ, ווען די סוכאָטניקעס גייען אַ גאַנג... און שוין איז ווידער וועסנע, דער פֿרילינג. ווי נאָר די ערשטע פֿלאַטערלעך באַווײַזן זיך אויף די פֿעלדער, קומען דאָך באַלד צו לויפֿן צו מיר די יונגע פֿאַרליבטע פּאָרלעך... און מיר, פּאַניע קאַנאַר, זענען דאָך נאָך אויך נישט אַזוי אַלט! העעע..״ -- און ער גיט דעם טאַטן דערבײַ אַ וויל-יונגערישן שטופּ אין דער זײַט. ״און דו, קלײנער קאַנאַרעק, -- האָט דער בגילופֿנדיקער פּראָוואָשטש מיט אַ מאָל זיך געוואָנדן צו מיר, וואָס כ׳בין געשטאַנען אין אַ זײַט און אים די גאַנצע צײַט אָבסערווירט -- וואָס קוקסטו אַזוי כיטרע אויף מיר מיט דײַנע שוואַרצע גנבֿישע אייגעלעך? וואָס, דערקענסט מיר נישט? איך בין דאָך דער פּראָוואָשטש פֿון סקאַלבמיעזש פֿון דער גרעסטער פּאַראַפֿיע אינעם גאַנצן פּינטשאָווסקי. פֿינף און דרײַסיק וויאָסקעס (דערפֿער) געהערן צו מיר, צו מײַן קאָשטשאָל! פֿאַרשטייסט וואָס דאָס הייסט? פּאַס אויף אָבער, אַז דו זאָלסט מיך נישט, גאָט באַהיט, פֿאַרטווישן מיטן רבֿ אײַערן, ווײַל דעמאָלט וועט דײַן טאַטע נישט זײַן זייער גליקלעך. העע... קענסט אָבער לײַכט אונטערשיידן צווישן אונדז. דער רבֿ

אײַערער טראָגט אַ לאַנגע באָרד מיט פּאות און טרינקט הייסע טיי מיט ציטרין. דער פּראָוואָשטש אָבער האָט נישט קיין באָרד מיט פּאות און טרינקט גערן וווּדקע, צום ליבסטן אַ פֿינפֿוננײַציקער. נו, זאָג, וואָס איז בעסער? האַ, האַ, האַ..."

ווען איך האָב געוויזן, ווי אַזוי דער פּאַן פּראָוואָשטש הייבט זיך אויף פֿון טיש און פּראָבירט צו שטעלן די ערשטע טריט נאָך אַזוי פֿיל גלעזערלעך, פֿלעגן אַלע אַרום מיר פּאַטשן מיט די הענט. ווען איך פֿלעג שוין האַלטן בײַם נאָכמאַכן אונדזער רבֿ פֿון שטעטל, ווי ער זופּט די הייסע טיי מיט ציטרין פֿון דעם אונטערטעצל אַזוי הויך, אַז דער גאַנצער מאַרק הערט ווי דער רבֿ טרינקט טיי, און כּדי נישט צו פֿאַרשווענדן סתּם צײַט בלויז אויף עולם-הזש, כאַפּט ער נאָך אַרײַן אין דער זעלבער צײַט אַ בלאַט גמרא מיט תּוספֿות. אָדער ווען איך האָב נאָכגעמאַכט, ווי אַזוי ער שאָקלט זיך בײַ שמנה-עשׂרה און ווי בײַ יעדן פּלאַצט ס׳געדולד ביז דער רבֿ רוקט זיך סוף, סוף שוין אויס און מאַכט דעם ברייטן "עושׂה שלום במרומיו," דעמאָלט איז שוין אַ האַלבער מאַרק מיט די ייִדן געשטאַנען אַרום מיר און זיך געהאַלטן בײַ די בײַכער פֿון לאַכן.

און ווי אַזוי צילקע, די עין הרע-אָפּשפּרעכערין, וועמען מיר קינדער האָבן גערופֿן "צילקע מכשפֿה," ווײַל זי פֿלעגט תּמיד הייבן דעם ספּאָדיק און אויסשפּײַען דרײַ מאָל "טפֿו, טפֿו, טפֿו," האָט זיך אַ מאָל געיאָגט נאָך אַ געשאָכטן הינדל, -- "ווילט איר זען?," האָב איך אויסגערופֿן ווי אַן עכטער בדחן און האָב געפֿילט ווי כ׳האָב שוין דאָס גאַנצע קרענצל מענטשן אין מײַנע הענט.

"יאָ, יאָ, מיר ווילן זען!" -- האָבן אַלע אויסגערופֿן און איך האָב פֿאַר זיי פֿאָרגעשטעלט, ווי אַזוי די אַלטע צילקע האָט זיך אַ מאָל געיאָגט נאָך אַ געשאָכטן הינדל איבערן גאַנצן מאַרק און האָט דערבײַ געמאַכט גוואַלדן: "כאַפּטס די כּלי! כאַפּטס די כּלי! דאָס איז נישט קיין הין, דאָס איז אַ האָן! אַ ממזר, אַן אויסוווּרף!"... זי האָט אַ מאָל געקויפֿט אַ קליין אויסגעדאַרט הינדל אויף שבת, וואָס האָט נעבעך קוים געזשיפּעט, און נאָכן שעכטן, ווען דער שוחט האָט עס אַוועקגעוואָרפֿן, האָט דאָס הינדל גאָר אָנגעהויבן צו לעבן און איז אַנטלאָפֿן אין מיטן מאַרק אַרײַן.

״יאַנקעלע! יאַנקעלע! -- האָב איך געהערט רופֿן פֿון אַלע זײַטן -- ווײַז נאָר ווי אַזוי חיים-שׂרהס לייענט שבת אין דער תּורה? און ווי אַזוי דער זיידע שטופּט זיך צום ברעטל? און ווי אַזוי די באָבע חיהלע לייענט די צאינה-וראינה?״

פּלוצלינג -- יענער בראָך! די באָבע חיהלע איז דאָ! די עכטע באָבע חיהלע! זי כאַפּט מיר אָן בײַ דער האַנט און שלעפּט מיר אַרויס בחרפּתנו פֿונעם גאַנצן קרענצל, רופֿנדיק צו די מענטשן אַרום: ״פּאַיאַצן, לצים וואָס איר זענט! וואָס ווילט איר האָבן פֿונעם אָרעמען, נעבעך, קינד-לעבן? וואָס איז הײַנט -- פּורים, שׂמחת-תּורה? וואָס איז די גדולה אויף אײַך? משיח איז געקומען? ס׳בית-המיקדש האָט מען צוריק אויפֿגעבויט? שעמען מעגט איר זיך אין אײַער ווײַטן האַלדזן אַרײַן!״ און צו מיר: ״דו קליינער שמענדריק וואָס דו ביסט! וואָס פֿאַר אַ חרפּות מאַכסטו מיר אָן? אַנשטאָט צו זיצן אין חדר, שפּילסטו גאָר טריאַטער, דרייסט אַ וויאַטראַק מיט די שקצים, זינגסט קאַלענדעס, אוי, אַ ווייטיק צו מיר! וואָס וועט פֿון דיך ווערן? וואָס וועט פֿון דיר אַרויסוואַקסן?״

״באָבע, ס׳איז דאָך הײַנט ניטל! מע גייט נישט אין חדר אַרײַן.״

״ניטל-שמיטל אויף מײַן קאָפּ, נישקשה, ביסט שוין קיין עין הרע אַ פֿאָלנער גוי! וועסט שוין באַלד קענען מאַכן פּאָגראָמען אויף ייִדן.״

״באָבע, וואָס רעדסטו? יאַך אַ גוי?״ -- און איך האָב אויסגעבראָכן אין אַ ביטער געוויין.

״נו, גענוג געוויינט! וועסט שוין וויינען אויף דײַן חתונה אם-ירצה-השם. איצט ווישׁ אָפּ די טרערן. נאַ, גיב אַהער די נאָז! שנײַץ גוט אַרײַן!אַזוי נאָך אַ מאָל! אַזוי איז בעסער. ציטער נישט, האָב נישט קיין מורא, כ׳וועל גאָרנישט זאָגן דעם זיידן. קום, איך האָב נאָך אין דער היים אייער-קיכעלעך פֿון שבת, מיט מאַלינע-סאָק, וואָסט דו האָסט אַזוי שטאַרק ליב. אָבער וואַרט וואַרט אַ מינוט. וואַרט -- האָט די באָבע מיט אַ מאָל זיך אָפּגעשטעלט -- ווײַז מיר טאַקע ווי אַזוי דער זיידע דאַוונט בײַם עמוד! דאָ, דאָ, אין פֿאָרדערהײַזל, קיינער זאָל חלילה נישט זען. אוי, מאַכסט דאָך אים אין גאַנצן נאָך, ווײ איז צו מיר, כ׳האָב דאָך גאָרנישט געזען, אַז ס׳פֿעלן אים טאַקע צוויי ציין פֿון פֿאָרנט!״ -- און די באָבע האָט זיך צעלאַכט.

אָבער פּורים דערקעגן פֿלעגן מײַנע גוייִשע חבֿרים מיט מיר אַרומלויפֿן פֿאַרשטעלט מיט באָרד און פּאות און צוזאַמענגעמען געלט בײַ די ייִדן, הכּלל, משיחס צײַטן פֿון מײַנע קינדער-יאָרן!...

איצט אָבער גייען מיר דעם טויטנמאַרש. ניין, מיר זענען נאָך אַ ביסל פֿריִער, אויפֿן וועג פֿון די זאַלצגרובן אין לאַגער אַרײַן, ווו בעניעק באַקלאָגט זיך, אַז ער קאָן נישט גיין.

„עפּעס שטעכט מיך אין שוך."

„ס'שטעכט דיך אין שוך? מן הסתּם אַ טשוואָק."

ווען מיר זענען אַרויף אויף דער פּריטשע האָבן מיר קיין טשוואָק אין שוך נישט געזען, אָבער עפּעס שאַרפֿס האָט דאָך אַרויסגעשטעקט. מיר האָבן אויפֿגעריסן די זויל און פֿאַר אונדזערע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ רינג מיט אַ גרויסן שטיין, וואָס האָט מאָדנע געלויכטן.

„דאָס מוז זײַן אַ בריליאַנט!" -- האָב איך מעשׂה מבֿין אויסגערופֿן.

אַ גאָלדענער רינג מיט אַ בריליאַנט, אַנדערש קאָן עס נישט זײַן, ווײַל קיינער וועט דאָך נישט גלאַט אַזוי אַרײַנלעגן אַ רינג אין שוך אַרײַן. מן הסתּם האָט אַ רײַכע ייִדישע מאַמע אין דער לעצטער מינוט באַהאַלטן אין איר זונס שוך דעם גאָלדענעם רינג מיטן בריליאַנט און אים אָנגעזאָגט... געווי ווי מײַן מאַמע האָט אין דער לעצטער מינוט אײַנגענייט אין מײַנע הויזן אַרײַן צוויי פֿינפֿהונדערטער זלאָטעס און מיר אָנגעזאָגט מיט טרערן אין די אויגן: „געדענק, יאַנקעלע, טאָמער... אפֿשר... אַז גאָט וועט וועלן..." זי האָט מיר אַרומגעכאַפּט און זיך צעוויינט... דער זון פֿון דער רײַכער מאַמע איז, זעט אויס, אומגעקומען און די שיך זענען געבליבן.

„לאָמיר נאָך זען, -- האָב איך געזאָגט -- צי ס'איז גאָרנישט דאָ אין אַנדערן שוך."

„וואָס, ביסט משוגע געוואָרן?" -- האָט מיר בעניעק אַרויסגעכאַפּט דעם שוך פֿון דער האַנט -- וואָס, גייסט מיר אויך צערײַסן דעם צווייטן שוך? ער שטעכט דאָך מיך נישט!"

אוי, גוואַלד! וואָס טוט מען מיט אַ בריליאַנטענעם אוצר?

״בעניעק -- איז מיר אײַנגעפֿאַלן אַ גאוניאַלער געדאַנק -- מיר װעלן געבן דעם בריליאַנטענעם רינג דעם הויפּטקאַפּאָ! ער איז דאָך אַ גוטער קאַפּאָ; אפֿשר װעט ער אונדז דערפֿאַר געבן אַ פּײַקע ברויט אָדער אַ זופּ און אפֿשר גאָר בײדע. מײנסט אַז ס׳איז נישט װערט?״

״װאָס פֿאַר אַ מחותּן ביסטו צום רינג?״ -- האָט זיך בעניעק מיט אַ מאָל געהויבן מיט גרויסקייט פֿון אַ גבֿיר לגבי אַן אָרעמאַן -- דער רינג איז געלעגן אין מײַן שוך, נישט אין דײַנעם.״

נאָכן אויסטײלן די שיטערע זופּ האָב איך באַמערקט װי דער הויפּטקאַפּאָ רופֿט צו בעניעקן און איז אים מכבּד מיט אויסקראַצן דאָס פֿעסל. כ׳װײס אַלײן נישט, װי אַזױ כ׳בין פּלוצלינג געשטאַנען נאָענט, װי דורך אַ מאַגנעט צוגעצויגן צום פֿעסל. בעניעק איז געלעגן מיטן גאַנצן קערפּער אינעם פֿעסל און געהאַלטן אין אײן קראַצן און לעקן. בלויז די פֿיס זײַנע האָט מען אַרויסגעזען. װען ער האָט מיך באַמערקט, האָט ער אַװעקגעדרײט דעם קאָפּ, װי כ׳װאָלט בכּלל פֿאַר אים נישט עקסיסטירט. פֿון גרויס צער בין איך צוריק אַרײַנגעלאָפֿן אין באַראַק אַרײַן. װען בעניעק איז אַרײַנגעקומען האָט ער געהאַט כּמעט אַ פֿולע מענאַשקע מיט אַזאַ געדיכטער זופּ, אַז דער לעפֿל האָט אַזש געקאָנט שטײן. ער איז אַרויף אויף דער פּריטשע און פּאַמעלעך, רויִק, װי אַ גוט דערצויגן קינד געזופּט די זופּ, אַז די אויערן האָבן שיעור נישט געפּלאַצט און דאָס חיות איז שיעור נישט אויסגעגאַנגען.

״סאַדיסט, פֿרעסער װאָס דו ביסט!,״ האָב איך מיר געטראַכט. אַלע אַרום האָבן אויף אים אַרויפֿגעקוקט מיט אַזאַ תּאווה, װי ער װאָלט טאַקע פֿאַרמאָגט דעם גרעסטן אוצר אין דער װעלט. און איר קענט מיר גלײבן, אַז דאָס איז געװען דער גרעסטער אוצר. כ׳האָב געמײנט, אַז ער װעט אין אַן אויגנבליק באַפֿאַלן װערן פֿון די מענטשן מיט די אויסגעהונגערטע אויגן. בעניעק האָט דאָס, זעט אויס, אויך געפֿילט און זיך בײַ צײַטנס אַרויפֿגעצויגן אויף דער אײבערשטער פּריטשע.

״יעקבֿ!,״ האָב איך מיט אַ מאָל דערהערט זײַן קול. מיט אַ שפּרונג פֿון אַ מאַלפּע בין איך תּיכּף געזעסן לעבן אים מיט מײַן אויסגעשטרעקטן בלעכענעם טאָפּ.

״דיר קומט אויך אַ ביסל זופּ -- האָט ער מעשׂה גוטער חבֿר אַ זאָג געטאָן און האָט מיר אָפּגעמאָסטן מיטן לעפֿל אין מײַן טאָפּ אַרײַן

און געציילט -- איינס, צוויי, דריַ, פֿיר, פֿינעף, זע-קס, ז-י-ב-ן, זיבן האָב איך דאָך געזאָגט וואָס?״ -- און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, נישט וויסנדיק וואָס וויַטער צו טאָן. נאָך אַ רגע וואַקלעניש האָט ער וויַטער געציילט: ״אַ-כט, ניַי-ן, צען!״ און האָט מיר נאָך צוגעגאָסן אַ האַלבן לעפֿל. ״אָט האָסטו און זאָל דיר ווויל באַקומען!״ אין איין אויגנבליק האָב איך אַריַינגעפּוצט די צען מיט אַ האַלבן לעפֿל געדיכטע זופּ און דערנאָך מיטן פֿינגער און שפּעטער מיט דער צונג אויסגעלעקט דעם טאָפּ אַזוי, אַז מען האָט אים מער נישט געדאַרפֿט וואַשן. איך האָב מיַין טאָפּ קיין מאָל נישט געוואַשן, אַזוי זויבער-ריין אויסגעלעקט איז ער תּמיד געווען.

בקיצור, אַ דאַנק דעם רינג מיטן דימענט האָט זיך אָנגעהויבן ממש אַ גן-עדן פֿאַר בעניעקן. יעדן טאָג האָט ער געקראַצט דאָס פֿעסל און תּמיד עפּעס אויסגעקראַצט. דעם ערשטן טאָג האָב איך אויך געהאַט אַ שטיקל חלק אין דעם, אָבער צו מאָרגנס, ווען כ׳האָב אויסגעשטרעקט מיַין טאָפּ, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

״וואָס איז? יעדן טאָג? אייגנטלעך קומט דיר גאָרנישט! דער רינג איז דאָך געלעגן ביַי מיר אין שוך. צווייטנס, אַז דו באַקומסט עפּעס פֿון דיַין מיַיסטער, גיסטו דען מיר עפּעס? איין מאָל אַ שטיקל ציבעלע, דאָס אַלץ.״

למען-האמת, בעניעק איז געווען גערעכט, וויַל ווען מיַין דיַיטשער מיַיסטער אין די זאַלצגרובן פֿלעגט מיר אַ מאָל עפּעס געבן, פֿלעג איך דאָך דאָס אַליין אין איין שמע-ישׂראל פֿאַרצוקן, אַז קיין זכר פֿלעגט דערפֿון נישט בליַיבן. דער מיַיסטער פֿלעגט דעמאָלט מיט זיַינע גרויסע בלאָע אויגן אויף מיר קוקן ווי אַזוי איך עס, ווי איך וואָלט דאָ געפּראַוועט כּישוף און געהאַלטן אין איין צושאָקלען מיטן קאָפּ. איך האָב אים תּמיד צוריקגעגעבן אַ ליבן שמייכל אַנשטאָט צו זאָגן: ״דאַנקע-שען, הער מיַיסטער.״

דער מיַיסטער האָט עס פֿאַרשטאַנען און האָט צוריק אָנגענומען זיַין אָפֿיציעלן שטרענגן טאָן: ״וויַיטער מאַכען! וויַטער מאַכען!״ די מאַשינען האָבן צוגעקלאַפּט צום ריטעם און איבער מיַין קאָפּ, ווו כ׳בין געזעסן ביַי אַ מאַשין אויף אַ הויך קעסטל, וואָס דער מיַיסטער האָט ספּעציִעל געהאַט פֿאַר מיר צוזאַמענגעקלאַפּט, -- ״פֿיר דער

קליינער פּאָל״ (פּאָליאַק), ווי ער פֿלעגט מיר רופֿן -- האָט אַראָפּגעשריגן אַ גרויסע אויפֿשריפֿט ״די רעדער ראָלען צום זיג.״ ״אַלזאָ פּאָל -- האָט דער מײַסטער באַפֿוילן -- הײַנט מוזסטו העכערן די נאָרמע מיט נאָך הונדערט שטיק, פֿערשטאַנדען?״

״יאַוואָל, הער מײַסטער!״ -- האָב איך איבערגעשריגן דעם גערויש פֿון די מאַשינען, אַז ער זאָל מיך הערן. נישט צוליב מורא פֿאַרן מײַסטער האָב איך געהעכערט די נאָרמע. ניין, אונדזער מײַסטער איז געווען אַן אויסנאַם. ער האָט נישט בלויז קיינעם נישט אָנגערירט, נאָר אַפֿילו קיין מאָל קיינעם נישט באַליידיקט. ווי די אַנדערע מײַסטערס. אָבער שרײַען האָט ער שוין איין מאָל געשריגן. מיר האָבן פֿאַרשטאַנען אַז דאָס שרײַען זײַנס אויף אונדז איז נישט מער ווי אַ דעקמאַנטל. און נאָך העכער פֿלעגט ער שרײַען, ווען אַנדערע מײַסטערס האָבן זיך באַוויזן אין אונדזער אָפּטיילונג. אַלע אַרום זענען געווען אויפֿגערעגט אויף מיר, פֿאַר וואָס איך פּראָביר העכערן די נאָרמע.

״וואָס ביסטו משוגע געוואָרן?״ -- האָט זיך איינער צו מיר אָנגערופֿן -- ״גייסט שוין ווידער העכערן די נאָרמע?״ ווײַל אויב איך וועל דאָס טאָן, מוזן אַלע דאָס זעלבע טאָן. ״ווען דער קליינער פּאָל קאַן דאַס שאַפֿען״ -- פֿלעגט דער מײַסטער זאָגן -- ״דאַן קענט איר דאָס אַוך שאַפֿען, פֿאַרדאַמט נאָך איין מאָל!״

איטשע, אַ פֿערד-סוחר פֿון מײַן געגנט, וואָס האָט מיר שפּעטער, ווי כ׳האָב שוין דערציילט, אויפֿן טויטנמאַרש אַרויסגעראַטעוועט קוים אַ לעבעדיקן פֿון אונטער דער קופּע פּראַנצויזן, האָט מיך פֿאַרטיידיקט:

״וואָס ווילסטו פֿון אים האָבן? אַז מע וועט אונדז אַרויפֿשיקן אויבן אין דער הייך, צו אַרבעטן אויף דער קעלט מיט די פֿראַנצויזן, וועט זײַן בעסער? דאַנק דעם טײַוול וואָס דו ליגסט אײַנגעלייגט אין דר׳ערד, אין דער וואַרעם, ווען נישט וואָלסטו שוין פֿון לאַנג געהאַט די פּיס אויסגעצויגן. וואָס מישטיינס געזאָגט, שפּילט שוין אַ ראָלע? איז נאָך הונדערט רעדעלעך אַ טאָג, אַ מכּה וועלן זיי מיט דעם געווינען די קריג! מיט שקלאַפֿן-אַרבעט געווינט מען נישט קיין מלחמות. און דער מײַסטער אונדזערער? וווּ טרעפֿסטו נאָך הײַנט אַזאַ אָרנטלעכן דאַטש. ער דאַרף עס זיכער, ער מוז דאָך באַווײַזן, אַז

ער שאַפּט. טאָמער נישט, שיקן זײ דאָך אים גלײַך אַװעק אױפֿן פֿראָנט. אױ, װי דערלעבן מיר שױן זײער מפּלה? -- -- האָט איטשע גערעדט װי צו זיך -- טאַטע זיסער אין הימל! לאָמיר נאָר זײ איבערלעבן כאָטש איין מינוט! כ׳װיל נאָר זען זײער סוף און דערנאָך איז מיר נישט קיין חילוק. אַלזאָ, יאַנקעלע, זאָל זײַן נאָך פּופּציק שטיק, נישט מער, פֿאַר הײַנט! מסכּים?״ און אַלע אַרום זענען געװען מסכּים.

צו מאָרגנס האָט מיר דער מײַסטער געבראַכט נישט אַ ציבעלע, װי תּמיד, נאָר אַ קאַרטאָפֿל, אַ גרױסן אָפּגעבאַקענעם קאַרטאָפֿל. אַ מאָל האָט ער מיר אַרײַנגעלײגט אין דער האַנט אַרײַן, אַז קײנער זאָל נישט זען, אַ רק, אַ רױטן אָפּגעקאָכטן רק. זעלטן אַ מאָל אַ שטיקל ברױט. און אַ מאָל, װען כ׳האָב אױף אים געקוקט מיט מײַנע חניפֿהדיקע אײגעלעך, ער זאָל מיר עפּעס געבן אין מױל אַרײַן, װאָס הײסט, שױן גאַנצע טעג װי ער האָט מיר גאָרנישט געגעבן און איך האַלט אים אין איין העכערן די נאָרמע? װוּ איז יושר? -- האָט דער מײַסטער נערװעזיש אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, זיך גוט אַרומגעקוקט, צי קײנער הערט אים נישט, און מיר אַרײַנגעשריגן אַ סוד אין אויער: ״הימל הער גאָט נאָך איין מאָל! װיר האַבען זעלבסט ניכטס צו פֿרעסען! װען צו דיזען שװײַנע-קריג קיין ענדע קאָמט, דאַן װירד גאַנץ דױטשלאַנד אײַן שײַסעהאַופֿען װי אין דרעזדען...״ (״צו אַל די שװאַרצע יאָר! מיר אַליין האָבן דאָך נישט װאָס צו פֿרעסן! אױב די חזירישע מלחמה װעט זיך נישט ענדיקן, װעט פֿון גאַנץ דײַטשלאַנד װערן אַ קופּע טינוף, װי אין דרעזדען״ [די שטאָט דרעזדען, װאָס די אַלייִרטע לופֿט-כּוחות האָבן צעבאָמבאַרדירט -- תּכ].

װען כ׳האָב צוריקגײענדיק אין לאַגער אַרײַן דערצײלט איטשען די אומפֿאַרשטענדלעכע רײד פֿונעם מײַסטער, האָט ער דאָס תּיכּף אַזױ אױסגעטײַטשט: ״זעט אױס, אַז מע האָט זײ אין דרעזדען גוט אַרײַנגעמאַקלעט אין תּחות אַרײַן און נישט בלױז אין תּחות אַרײַן, נאָר טאַקע זײ געגעבן איבערן קאָפּ כּמו שכּתובֿ...״

״פֿאַרשטײ, בעניעק -- האָב איך מיר פּראָבירט פֿאַרטײדיקן -- ערשטנס, באַקום איך זעלטן עפּעס פֿון מײַסטער. צװײטנס, דו אַרבעטסט אױף אַן אַנדערן אָפּטײל און דו װײסט דאָך גאַנץ גוט, אַז

עס איז שטרענג פֿאַרבאָטן אַריבערצוגיין פֿון איין אָפּטיילונג צו דער אַנדערער. דריטנס, שוּוער איך דיר, אַז כ׳האָב אַ מאָל פּראָבירט, אָבער ס׳איז מיר נישט געלונגען. ביז כ׳בין צוגעקומען צו דײַן אָפּטיילונג, האָב איך שוין מער גאָרנישט געהאַט פֿון דעם האַלבן קאַרטאָפֿל, וואָס כ׳האָב דיך געוואָלט געבן. יעדער רגע האָב איך געצופּט און געדזשאָביעט אַ פּיצעלע און נאָך אַ פּיצעלע און בשום-אופֿן זיך נישט געקענט אײַנהאַלטן, ביז ס׳איז מיר גאָרנישט מער איבערגעבליבן. כ׳ווייס אַליין נישט, אָבער דער האַלבער קאַרטאָפֿל האָט געהאַט עפּעס אַזאַ גוטן טעם, גלייב מיר, איך האָב נאָך קיין מאָל אין לעבן נישט געגעסן אַזאַ געשמאַקן קאַרטאָפֿל, ממש טעם גן-עדן.״

בעניעק אָבער האָט געהאַט אַ גוט האַרץ, -- נאָך דעם ווי ער האָט זיך באַלעקט מיט דער צונג איבער די אויסגעטריקנטע ליפּן זײַנע, אויסהערנדיק וועגן דעם האַלבן ווונדערלעכן קאַרטאָפֿל, וואָס ער האָט אים נישט באַקומען פֿון מיר, האָט ער מיר דאָך ווידער אָפּגעמאָסטן און אַרײַנגעצײלט מיטן לעפֿל אין מײַן טאָפּ אַרײַן: ״פֿי-נעף, ז-ע-קס, זיבן, האָסט געננג פֿאַר הײַנט! ס׳איז געדיכטע זופּ.״

איצט אָבער גייען מיר צוזאַמען אין טויטנמאַרש, אײַנגעשלאָסן אין דער ריי, און היטן אָפּ איינער דעם צווייטן, אַז קיינער זאָל, חלילה, נישט בלײַבן הינטערשטעליק.

) פֿערטער טייל

אין אַ שיינעם טאָג האָט זיך באַוויזן דער לאַגער-קאָמענדאַנט אויף זײַן מאָטאָציקל און אַזוי ווי ער האָט אונדז נאָר דערזען איז אים פֿינסטער געוואָרן פֿאַר די אויגן. נאָר גוט וואָס ער איז איצט געקומען, ווען נישט וואָלט ער מער נישט געהאַט צו וואָס צו קומען. ער וואָלט געוואָרן אויס קאַפּעליוש-מײַסטער, ווי איטשע האָט געזאָגט, אויס לאַגער-קאָמענדאַנט. דערזעענדיק, אַז ר׳האָט שוין באַלד נישט קיין מענטשן, איז ער געוואָרן אַזוי ווילד, אַז ער האָט גלײַך אָפּגעשטעלט דעם טראַנספּאָרט און מיטן רעוואָלווער אין האַנט אָנגעהויבן צו דראָען, מאַכן גוואַלדן, נישט בלויז אויף אונדז העפֿטלינגען, נאָר אויך אויף די וואַכמענער און אַפֿילו אויפֿן אונטערשאַרפֿירער. ספּעציעל האָט ער געהאַט טענות צו די

פֿראַנצויזן: ״איר פֿאַרפֿלוכטע פֿראַנצאָזן סאַבאָטירע!״ האָט ער אויף זיי געמאַכט יללות, ״וואַרום קענען די יודען גען, די רוססען, און ניכט איהר שײַסע וואָס איר זײַט!״ ער האָט נעבעך נישט געוווּסט, אַז קיין רוסן האָט ער מער נישט, ווײַל מע האָט זיי כּמעט אַלע מיט אַ טאָג פֿריִער לעבעדיקערהייט פֿאַרברענט. און פּאַסירט האָט עס אַזוי:

אויפֿן פּלאַץ ווּ מיר האָבן איבערגענעכטיקט אין מיטן פֿעלד איז געשטאַנען אַ גרויסער שײַער. צו מאָרגנס אין דער פֿרי, ווען מ׳האָט געציילט די מענטשן, האָבן די רוסן געפֿעלט. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן זיך פּשוט אײַנגעגראָבן אינעם שטרוי פֿונעם שײַער און האָבן געהאָפֿט אַזוי אַרום זיך צו ראַטעווען. די אַמעריקאַנער טאַנקען האָבן מיר שוין געהאַט געזען מיט עטלעכע שעה פֿריִער פֿון דער ווײַטנס, קוים עטלעכע קילאָמעטערס פֿון אונדז. די וואַכמענער האָבן אָבער געהאַט צײַט, גענוי ווי די אַמעריקאַנער האָבן געהאַט צײַט. זיי האָבן אַרומגערינגעלט דעם שײַער און אים אונטערגעצונדן. די וואָס האָבן פּרובירט צו ראַטעווען זיך און זענען אַרויסגעלאָפֿן פֿונעם ברענענדיקן שײַער האָט מען גלײַך דערשאָסן. ס׳האָט אויסגעזען, ווי די דײַטשן וואָלטן זיך אָפּגעשמועסט מיט די אַמעריקאַנער טאַנקען, זיי זאָלן צווואַרטן אַ ביסל, ווײַל זיי האָבן נאָך אָפּצוטאָן אַ שטיקל אַרבעט. ערשט דענצמאָל ווען מיר זענען אָפּגעטראָטן זענען די אַמעריקאַנער טאַנקען אַרײַן און פֿאַרנומען דעם פּלאַץ. ס׳זענען געווען צווישן אונדז אַזעלכע, וואָס האָבן געגלייבט מיטן גאַנצן האַרצן, אַז ס׳איז געווען אַזאַ אָפּמאַך.

איצט האָט דער קאָמענדאַנט געסטראַשעט מיטן רעוואָלווער, אַז מיר מוזן גיין! ווען נישט -- ווען נישט, איז וואָס? וועט ער אונדז דערשיסן? ״נישט מער שיסן!״ האָט דער קאָמענדאַנט באַפֿוילן, בלויז אַזעלכע וואָס קענען איבער הויפּט נישט גיין. אָבער ווער האָט דען יאָ געקענט גיין? באַלד האָבן די העפֿטלינגען אויסגענוצט דעם נײַעם באַפֿעל און ווי נאָר זיי האָבן דערזען עפּעס אַ פֿאַרפֿוילטן קאַרטאָפֿל אָדער אַ בוריק אין מיטן פֿעלד זענען זיי גלײַך אַרויסגעלאָפֿן פֿון דער ריי און זיך אויף אים געוואָרפֿן. ביז איצט, ווער ס׳האָט נאָר בלויז פּרובירט מאַכן אַ טריט אויסער דער ריי, האָט תּיכּף געכאַפּט אַ קויל אין קאָפּ. איצט אָבער, נאָכן באַפֿעל פֿון קאָמענדאַנט, האָט אַזאַ קאַצעטניק גאָר געסטראַשעט דעם וואַכמאַן מיטן פֿינגער: ״ניכט שיססען, הער וואַכמאַן! ניכט שיססען! באַפֿעל איסט באַפֿעל!״ און

ער איז צוריקגעקומען אַ גליקלעכער מיט דעם אוצר. אָבער באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אוצר איז נישט מער ווי אַ שטיק פֿאַרטריקנטע ליַינע [אַזוי].

איטשע, דער פֿערד-סוחר האָט דאָס אַזוי אויסגעטיַיטשט: "וואָס איז שוין ווערט אַ פֿערד-סוחר אָן פֿערד און וואָס איז שוין ווערט אַ לאַגער-קאָמענדאַנט אָן קאַצעטניקעס? ער דאַרף אונדז מער, ווי מיר אים, וויַיל וואָס, מישטיינס געזאָגט, קאָן ער אויפֿטאָן אָן אונדז? -- גיין אויפֿן פֿראָנט, און פֿאַר דעם ציטערט ער ווי אַ טכויר."

דאָס ערשטע מאָל נאָך צוויי וואָכן מאַרשירן האָט מען אונדז געגעבן אַ זופּ. אָבער די איינע זופּ האָט אַ סך נישט געהאָלפֿן. די מענטשן האָבן וויַיטער "סאַבאָטירט" דעם קאָמענדאַנטס באַפֿעל, זיי האָבן וויַיטער נישט געקאָנט גיין.

צו מאָרגנס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייַע סדרה. יעדער איינער האָט געמוזט שלעפּן אַ צווייטן, דאָס הייסט: יעדער האַלב אָפּגעשטאָרבענער האָט געמוזט שלעפּן אַ דריַיפֿערטל אָפּגעשטאָרבענעם. איך, למשל, האָב שוין געשלעפּט אַ לענגערע ציַיט אַזאַ מין קוים זשיפּענדיקן פֿראַנצייזישן סאַבאָטאַזשניק, ווי דער קאָמענדאַנט האָט זיי גערופֿן. אין אָנהייב האָט ער זיך יאַקאָש געשלעפּט, אָבער מיט יעדער מינוט איז ער געוואָרן שוואַכער און שוואַכער, פּשוט אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט פֿאַר מיַינע אויגן, ביז ער האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעשטעלט און מער נישט געקאָנט, צי נישט געוואָלט מאַכן אפֿילו קיין איין טריט פֿאָרויס. מיט אַלע כּוחות האָב איך פּרובירט אים צו שלעפּן, אָבער גיי שלעפּ אַ מת. דער גאַנצער טראַנספּאָרט איז שוין באַלד געווען אַדורך און מיר זענען געבליבן די לעצטע. איך האָב מורא געהאַט, אַז די וואַכמענער זאָלן מיר נישט דערשיסן, מיינענדיק, אַז אויך איך קען נישט מער גיין. און דעם אמת געזאָגט, האָב איך דען יאָ געקענט גיין? די פֿיס מיַינע זענען שוין געווען געשוואָלן ווי צוויי פֿעסער און געוווּסט האָב איך, אַז ווי נאָר דאָס געשווילעכץ וועט זיך אַרויסכאַפּן העכער צום האַרץ, איז אויס מיט מיר.

"קום פֿראַנסע! -- האָב איך פּרובירט מיט גוטן און מיט בייזן, שלעפּנדיק אים ביַי דער האַנט -- קום, ווען נישט, דו פּאַף!" -- און

אים געוויזן מיטן פֿינגער אויפֿן קאָפּ, אַז מע וועט אים דערשיסן. דער פֿראַנצויז האָט געקוקט אויף מיר ווי אַ מומיע, מיט צעעפֿנטע אויסגעגלאָשענע אויגן.

"קום! האָב איך אים געהאַלטן אין איין שלעפּן -- דו מוזסט גיין! ווען נישט, דו קאַפּוט! קאַפּוט! פֿאַרשטייסטו! פֿראַנצעוואַטער פֿראַנצויז וואָס דו ביסט!" -- האָב איך זיך אויפֿגערעגט.

"איך קאַ-פּוט, דו קאַ-פּוט, לע-באָש (געמיינט די דײַטשן) קאַ-פּוט אַ-ל-ע-ס קאַ-פּ-ו-ט - האָט ער מיר רויִק געענטפֿערט און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד, זיך אײַנגעהילט מיט זײַן דעק איבערן קאָפּ, געמאַכט אַ צלם און געוואַרט...

די לעצטע צוויי וואַכמענער האָבן זיך דערנענטערט און איך האָב קוים געכאַפּט די פֿיס נאָכיאָגנדיק זיך נאָכן טראַנספּאָרט, מורא האָבנדיק זיך אפֿילו אומצוקוקן. כ'האָב דערהערט אַ שאָס און זיך באַטאַפּט לויפֿנדיקערהייט, צי די קויל איז אַ מאָל נישט געווען פֿאַר מיר. ניין, דאָס מאָל נאָך נישט פֿאַר מיר...

איטשע האָט מיך דערזען און זיך געבייזערט: "וואָס ביסטו משוגע געוואָרן? בלײַבסט פֿון הינטן? מ'עט דיך נאָך אַוועקשיסן! בלײַב דאָ בײַ מיר און שלעפּ נישט די פֿוילע פֿראַנצויזן! אוי, ס'איז נעבעך אַ בראָך צו זיי, -- האָט איטשע געקלאָגט -- אַ רחמנות, כ'לעבן, בלויז אַ פּאָר חדשים אין לאַגער, אפֿשר אַ יאָר אין גאַנצן, און זע ווי אַזוי זיי זעען אויס. מיר ייִדן זענען דאָך שוין דרײַ יאָר אין דעם גיהונם און דאָך האַלטן מיר זיך יאַקאָש [זע פּויליש _jאַקאָס_ 'ווי ניט איז']]. און זיי האָבן דאָך צו וואָס צו לעבן, מען וואַרט דאָך אויף זיי אין דער היים -- ווײַבער, מאַמעס, טאַטעס, קינדער, אַ לאַנד פֿראַנקרײַך, ווי גאָט אין פֿראַנקרײַך! ווער מישטיינס געזאָגט, וואַרט אויף אונדז? אפֿילו קיין הונט נישט. און דאָך ווילן מיר לעבן. אוי די פֿראַנצויזן, די פֿראַנצויזן, נאָר ווײַן און ווײַבער גיב זיי! אָן דעם טויגן זיי אויף כּפּרות..."

אָבער מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָבן מיר אויך שוין געטויגט אויף כּפּרות.

מיט אַ מאָל זענען אַלע קאַפּאָס פֿאַרשוווּנדן. זיי האָבן דאָס גאַנצע קרעמל שטיין געלאָזט אין מיטן דערין און געמאַכט אַ וויבֿרד. מ׳האָט געזאָגט אַז זיי האָבן אונטערגעקויפֿט דעם אונטערשאַרפֿירער. מן הסתּם האָבן זיי געוווּסט, אַז מען גייט אונדז אַלע ״דערליידיקן.״ אַנדערע האָבן גאָר געטענהט, אַז זיי האָבן אַליין געזען, ווי מ׳האָט די קאַפּאָס אין דער לעצטער נאַכט אַרײַנגעפֿירט אין וועלדל אַרײַן און אַז דער קאָמענדאַנט איז געגאַנגען פֿון הינטן מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט. זעט אויס, אַז ער האָט זיך בײַ צײַטנס באַזאָרגט, כּדי נישט צו האָבן קיין עדות קעגן זיך, איבער הויפּט אַזעלכע שישקעס ווי אונדזערע קאַפּאָס. בלויז די צוויי דײַטשע קאַפּאָס מיט די גרינע דרײַעקן אויף זייער ברוסטקאַסטן זענען געבליבן און איבערגענומען דאָס מלחות.

אַצינד האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דאָס ריכטיקע גיהנום. די צוויי קאַפּאָס האָבן זיך איצט נוקם געווען פֿאַר דער גאַנצער צײַט, וואָס זיי האָבן זיך נעבעך געמוזט אײַנהאַלטן מיט זייערע פֿאַרברעכערישע נייגונגען, נאָך זינט די צײַטן פֿון בוכענוואַלד. [די דײַטשע פּאָליטישע קאַפּאָס אין בוכענוואַלד האָבן אין די לעצטע יאָרן געהאַט איבערגענומען די מאַכט אין לאַגער פֿון די דײַטשע קרימינעלע קאַפּאָס, וואָס די נאַציס האָבן אַהער געשיקט, כּדי צו פּײַניקן די העפֿטלינגען. אַ טייל פֿון די קרימינעלע קאַפּאָס זענען אפֿילו געוואָרן אויסגעהאַרגעט, ״ליקווידירט״ אינעם לשון פֿון לאַגער. די נאַציס האָבן זיך אין דעם ענין נישט אַרײַנגעמישט. -- ת.כ.]

אַצינד האָבן די צוויי קרימינעלע קאַפּאָס אַלץ אויסגעלאָזט צו אונדז. זיי זענען אַרומגעלאָפֿן מיט שטעקנס אין די הענט און געקיילט אויף רעכטס און אויף לינקס, סתּם אַזוי, פֿאַר פֿאַרגעניגן. האָט מען שוין אַ מאָל אויסגעטיילט אַ ביסל קאַווע, האָבן זיי אַנשטאָט אַרײַנצוגיסן מיט דער האָכלע דאָס ביסל שוואַרצע וואַסער אין בלעכל אַרײַן, אַרויפֿגעגאָסן די קאַווע אויפֿן קאָפּ פֿון אַ העפֿטלינג און דערבײַ אים נאָך אַ זעץ געגעבן מיט דער זעלבער האָכלע איבערן קאָפּ, אַז דער קרבן איז אַוועקגעפֿאַלן אַ טויטער. אונדזער לאַגער-קאָמענדאַנט האָט מען אויך מער נישט געזען. ער האָט אונדז איבערגעלאָזט, ווי איטשע האָט געזאָגט, אויף הפֿקר-פּעטרישקע אין די הענט פֿון די צוויי סאַדיסטן און די עס-עס-וואַכמענער. די וואַכמענער זענען שוין אויך געוואָרן מיד, אויסגעמוטשעט און אפֿילו

פֿאַרלײַזיקט ווי מיר, און נישט אַלע פֿון זיי זענען נאָך געווען פֿון די יונגסטע.

איינמאָל האָט מיך צוגערופֿן אַ וואַכמאַן און באַפֿוילן, אַז כ׳זאָל אים טראָגן זײַן רוקזאַק. אַ גרויסער כּבֿוד... ער אַליין האָט שוין נישט געהאַט קיין כּוח אים צו שלעפּן, האָט ער אים מיר אָנגעהאַנגען. אַ גליק וואָס דער רוקזאַק איז נישט געווען שווער. אָבער פֿון דעם מאָמענט אָן האָט ער מיך געשיצט פֿון די צוויי מערדערישע קאַפּאָס. מיט אַ מאָל האָב איך געהערט צו די פּראָמינענטע, צו די בעסערע מענטשן. אַ קלייניקייט, איך טראָג אַ רוקזאַק פֿון אַן עס-עס-מאַן! דער וואַכמאַן מײַנער, אַן אונגאַר, איז אויך נישט געווען פֿון די ערגסטע. ער האָט בלויז געהאַט דערשאָסן צוויי-דרײַ העפֿטלינגען, דאָס אַלץ, אָבער אין אַלגעמיין האָט ער נישט געהערט צו פּראָפֿעסיִאָנעלע שיסערס...

זינט איך טראָג דעם רוקזאַק דערלויבט ער מיר אַרויסצוגיין פֿון דער ריי אויפֿצוקלויבן מציאות אין מיטן פֿעלד. אַ מאָל האָט ער מיר אַליין אָנגעוויזן מיטן פֿינגער אויף אַ מיסטקאַסטן. דאָס איז געווען אַ פּויערישער גרויסער מיסטקאַסטן פֿון אַ פֿינעף מעטער לאַנג און ברייט. מע קאָן זיך איבערהויפּט נישט פֿאָרשטעלן וואָס פֿאַר אַ מציאות, ממש אוצרות, מ׳קאָן געפֿינען אין אַזאַ פּויערישן מיסטקאַסטן: גאַנצע קאַרטאָפֿל, מייערן, בוריקעס, האַלב, דרײַפֿערטעל און אין גאַנצן פֿאַרפֿוילטע, וואָס ליגן שוין וואָכן לאַנג, אפֿשר חדשים אַדורכגעוואַרעמט, כּמעט אָפּגעקאָכט פֿון דער צואה פֿון די בהמות און פֿערד. הכּלל, גאַנצע גליקן -- נישט בלויז פֿאַר מיר אַליין, נאָר אויך פֿאַר בעניעקן און איטשען. מיר האָבן זיך דערכאַפּט דאָס האַרץ און געקומען אַ ביסל צו זיך. אָבער גראָז האָב איך נישט געגעסן! איטשע האָט מיר געוואָרנט: ״אַלץ, נאָר צוויי זאַכן נישט: גראָז און מענטשנפֿלייש, פֿון דעם זאָלסטו זיך היטן! פֿון גראָז באַקומסטו באַלד ס׳לויפֿעניש און גייסט אַ גאַנג... ווידער מענטשנפֿלייש? נו, זאָל אונדז גאָט אָפּהיטן!״

״בלויז די מילך פֿון געזונטע מענטשן,״ -- האָט זיך איינער פֿון אַ זײַט אָפּגערופֿן. ״טאָ גיי ווער דערוואָרגן, פּרעס אויף אַ מילך פֿון אַ דאַטש, זיי געהערן נאָך צו די געזונטע מענטשן,״ -- האָט אים איטשע אַ דערצאָרנטער צוריקגעענטפֿערט. אָבער איטשע האָט מיך נישט

געדאַרפֿט וואָרענען, כ'האָב דאָס אַלץ אַליין געזען מיט מײַנע אייגענע אויגן. דאָך האָב איך זיך איינמאָל מער נישט געקענט אײַנהאַלטן, אַזוי אויסגעהונגערט בין איך געווען, האָב איך אַרײַנגעכאַפּט אין מויל אַרײַן אַ הויפֿן נאַס גראָז.

די לעצטע צײַט האָבן מיר געמאַכט צו עטלעכע פּויזעס אַ טאָג, נישט צוליב אונדז, העפֿטלינגען, נאָר בעיִקור ווײַל די וואַכמענער האָבן מער נישט געקענט גיין. בעת איינער אַזאַ פּויזע בין איך געזעסן נישט ווײַט פֿון מײַן אונגאַרישן וועכטער און, ווי געוויינטלעך, זיך געלויזט. אויך ער האָט דאָס זעלבע געטאָן. אַזוי אויך די אַנדערע וואַכמענער. - - אין אָנהייב זייער דיסקרעט, פּאַוואָליע אָבער ווען ס'האָט זיי שוין גוט געביסן האָבן זיי גענומען אַ בײַשפּיל פֿון אונדז. דער שטייגער איז געווען, אַז ווי נאָר מע האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט מען אַראָפּגעצויגן די קאַצעטישע בלוזע און זי גוט אויסגעשאָקלט. ס'איז אָבער לײַכט צו זאָגן, ווײַל נישט אַלע לײַז לאָזן זיך אַזוי פּשוט אויסשאָקלען. מיינסטע לײַז קלאַמערן זיך סאַדיסטיש אײַן מיט זייערע קליינטשיקע פֿעסטע פֿיסלעך, נישט בלויז אין דער בלוז אָדער אין די הויזן, נאָר אַ סך ערגער, זיי קלאַמערן זיך אין דײַן לײַב און זייגן פֿון דיר אַרויס דאָס לעצטע ביסל בלוט און חיות וואָס דו פֿאַרמאָגסט נאָך אין זיך. דאָס לײַב ווערט אין גאַנצן רויט און ס'ווערט נאָך מער רויט ווען מען הייבט זיך אָן צו קראַצן; און קראַצן מוז מען זיך, ווײַל ס'בײַסט, און מען קראַצט מיט אַזאַ סאַדיסטיש פֿאַרגעניגן, מען נעמט פּשוט נקמה אין דעם גרעסטן שׂונא, אויסער די נאַציס, פֿאַרשטייט זיך. שפּעטער, ווען די נקמה-לוסט ווערט אַ ביסל באַרויִקט, טרעט מען ערשט דעמאָלט צו צום צווייטן טייל פֿון דער פּראָגראַם, דהינו, מ'הייבט אָן צו קנאַקן די לײַז און זיי צו פֿאַרטיליקן, איינס נאָכן אַנדערן.

צו ערשט לייגסטו אַרויף אַזאַ לויז (נישט לײַזל, זאָג איך, נאָר לויז), ווײַל דאָס זענען געווען גרויסע אויסגעביקעוועטע לײַז פֿון דײַן אייגן בלוט און פֿלייש. ווידער, ווען וואָס פֿאַר אַ פֿלייש רעד איך דאָ? ווער האָט נאָך בכּלל דענצמאָל געהאַט אויף זיך פֿלייש? בלוט? אפֿשר נאָך דאָס לעצטע ביסל, אָבער פֿלייש? נאָך אַ מאָל: דו לייגסט אַרויף אַזאַ אויסגעביקעוועטע לויז אויפֿן נאָגל פֿון דײַן גראָבן פֿינגער און אַזוי ווײַטער... ו.אַ.וו....הקיצור, דער גאַנצער טראַנספּאָרט, מיט די וואַכמענער צוזאַמען, איז געווען אַרײַנגעטאָן אין קנאַקן לײַז. אַ

גרויסער בראָך איז שוין אָבער געווען צו די יעניקע, וואָס האָבן נישט געקנאַקט, נאָר האָבן זיך געלאָזט פֿרעסן לעבעדיקערהייט פֿון די לײַז...

ווי כ׳האָב ערשט געזאָגט, איז נישט ווײַט פֿון מיר געזעסן מײַן אונגאַרישער וואַכמאַן. מיר זענען איצט געווען פֿאַראייניקט אין איין ציל, אין נעמען נקמה אין אונדזערע געמיינזאַמען שׂונא, די לײַז. זײַן ביקס מיטן רוקזאַק זענען געלעגן אין אַ זײַט. ער האָט געהאַט אויסגעטאָן דעם מונדיר און געמאַכט פּאָלאָוואַניע גאַנץ דיסקרעט אויף זײַן העמד.

"הער וואַכמאַן -- האָב איך מיך געחנפֿעט צו אים, ווען ער גאָרנישט ווערן פֿונעם רוקזאַק וואָס איך האָב קוים נאָך געקאָנט שלעפּן -- דיזע לויזן האָבן זי פֿון מיר, דורך דיזען רוקזאַק וואַס איך טראַגע. דויטשן האַבען קײַנע לויזע!" -- האָב איך מיט אַ זיכערקייט געזאָגט. דער וואַכמאַן האָט אָבער נישט געענטפֿערט. מיט אַ מאָל איז מיר אַרײַן אַ משוגעות אין קאָפּ און כ׳האָב ריזיקירט מיט נאָך אַ לײַכטזיניקער פּלאַפּלערײַ, וואָס האָט מיך שיעור נישט געקאָסט דאָס לעבן. "הער וואַכמאַן -- האָב איך געפֿרעגט -- זי זינד דאָך קיין עכטער דויטשע?"

ער האָט פּלוצלינג אויף מיר אויפֿגעשטעלט צוויי רציחהשע אויגן, זיך אומגעקוקט צי קיינער פֿון זײַנע קאַמעראַדן האָט דאָס נישט געהערט און מיט אַ מאַדזשאַרסקן אַקצענט געסטראַשעט: "האַלט די שנאַוצע, דו לויזיגער דרעקזאַק! נאָך איין וואָרט און איך ברינג דיך אום!" -- דערבײַ האָט ער געכאַפּט די ביקס און געצילט צו מיר. נאָך אַ מזל, וואָס די אַלאַרעם-סירענע פֿון אַ דערבײַיִק שעטל האָט זיך מיט אַ מאָל צעריטשעט.

ווי אַ שטורעם איז אַדורכגעפֿלויגן איבער אונדזערע קעפּ אַ גאַנצע עסקאַדרע אַלײַירטע עראָפּלאַנען און אַראָפּגעשיט אויפֿן שטעטל באָמבעס ווי באָבעלעך. מיר האָבן זיך אויסגעצויגן אויף דר׳ערד, כאָטש קיינער פֿון אונדז, חוץ די דײַטשן, האָט קיין מורא נישט געהאַט.

בלויז דער אַמעריקאַנער, דער פֿליִער, האָט זיך נישט אויסגעצויגן. דערזעענדיק די עראָפּלאַנען האָט ער אין גאַנצן אויפֿגעלעבט, ווי

אויפֿגעשטאַנען תּחית-המתים. ער האָט זיך אויסגעצויגן נישט אויף דער׳ערד, ווי מיר, נאָר אין דער הייך, צום הימל. ער איז מיט אַ מאָל צוריק געוואָרן אַזוי הויך, ווי דעמאָלט, ווען מיר האָבן אים געזען דאָס ערשטע מאָל. ער איז געשטאַנען אַ שטאָלצער, געפּאָכעט אין די הימלען און געהאַלטן אין איין רופֿן:

״קאָם אָן דזשאַני! קאָם אָן! פּאָק דעם! פּאָק דעם!״

אַ שאָס פֿון אַ וואַכמאַן האָט אָפּגעהאַקט זײַן רופֿן...

באַלד איז איבער אונדז אַדורקגעפֿלויגן אַ ״ספּיטפֿײַער״ און אַדורכגעזייט דעם גאַנצן שטח, איבערלאָזנדיק צענדליקער טויטע און פֿאַרוווּנדיקטע, צווישן זיי עטלעכע וואַכמענער. זעט אויס, אַז ס׳איז געווען אַ טעות, אַ פֿאַטאַלער טעות, ווײַל באַלד איז דער זעלבער ״ספּיטפֿײַער״ צוריקגעקומען און אַרומגעקרײַזט עטלעכע מאָל איבער אונדזערע קעפּ, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פֿאַרענטפֿערן, אַז נישט אונדז האָט ער געמיינט. די פֿאַרוווּנדיקטע העפֿטלינגען, אפֿילו די גאַנץ לײַכטע פֿאַרוווּנדיקטע, האָט מען תּיכּף דערשאָסן.

בעניעק, וואָס האָט געכאַפּט אַ שפּליטער אין לינקן פֿוס אַרײַן, אויפֿן זעלבן פּלאַץ ווו דער דימענטרינג האָט אים פֿריִער געהאַט געשטאָכן, האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו בלוטיקן. איטשע האָט אים גלײַך אַרומגעבאַנדאַזשירט דעם פֿוס מיט אַ שטיק קאָץ און אים אָנגעזאָגט: ״איך און יעקבֿ וועלן דיך פֿירן, אָבער למען-השם, זאָג נישט קיינעם, אַז ביסט פֿאַרוווּנדיקט.״ און אַזוי איז טאַקע געווען, איטשע פֿון איין זײַט, און איך פֿון דער צווייטער זײַט, האָבן איצט געפֿירט בעניעקן. נאָך עטלעכע שעה גיין זענען מיר אָנגעקומען אויף אַ גרויסן פֿאַרלאָזטן פֿאָלוואַרק, ווו מיר זענען אײַנגעשטאַנען גאַנצע צוועלף טעג אין אַ גרויסן שײַער מיט שטרוי. דאָס זענען געווען די ערגסטע טעג פֿון אונדזער לעבן, כ׳מיין פֿון די וואָס זענען נאָך געבליבן ביז דעמאָלט לעבן. און געבליבן זענען מיר זייער ווייניק. פֿון די פֿראַנצויזן -- אפֿשר נאָך אַ דריטל; פֿון די רוסן -- בלויז געציילטע. די מיינסטע געבליבענע זענען געווען די פּראָפֿעסיאָנעלע קאַצעטניקעס, ווי איטשע האָט דאָס אָנגערופֿן, געמיינט האָט ער אונדז, פּוילישע ייִדן, וואָס יעדער איינער האָט שוין געהאַט הינטער

זיך אַ רעקאָרד פֿון דרײַ יאָר לאַגערן מיט געטאָס און אַנדערע צרות...

"נישט אַזוי שנעל קאָנען זיי אונדז פּטור ווערן -- האָט זיך איטשע נאָך געוויצלט -- מיר, זענען פֿאַר זיי אַ האַרטע נוס, אַן עם-קשה-עורף, ווי עס שטייט געשריבן. ווי ס'זאָל נישט זײַן שלעכט, ווילן מיר לעבן, אַדורכלעבן, איבערלעבן, אַבי נאָך לעבן... אָט נעם, למשל, און טרעט אַרויף אויף אַ וואָרעם. גלײַך איז ער טויט. טרעט אָבער אַרויף אויף אַ שלאַנג, צעטייל אים אויף צוויי, אויף דרײַ, די רעשט בלײַבט לעבן. אָט דאָס זענען מיר! נישט קיין געוויינטלעכע ווערעם. מיר זענען ווי שלאַנגען, וואָס געדענקען אָבער תּמיד, אַז אַ טייל פֿון אונדז האָט מען אָפּגעשניטן, געטויט. זעסט, יעקבֿ, דאָ אויפֿן טויטנמאַרש -- איטשע האָט ס'ערשטע מאָל אָנגערופֿן דעם מאַרש 'טויטנמאַרש' -- קענסטו ערשט באמת זען ווער מיר זענען! איך וואָלט אַצינדער די גאַנצע וועלט מענטשן דאָ אַהערגעשלעפּט בײַ די אויערן, זיי זאָלן זען מיט זייערע אייגענע אויגן ווער מיר זענען. אפֿילו דער קאָמענדאַנט האָט פֿאַר אונדז דאָ באַקומען דרך-ארץ. האָסט דאָך אַליין געהערט ווי ער האָט געשריגן אויף אַלע צו נעמען אַ בײַשפּיל פֿון אונדז, פּוילישע ייִדן..."

"ניין, ניין -- האָט איטשע נישט נאָכגעלאָזט -- מיר זענען נישט קיין דעליקאַטע פֿראַנצויזן, קיין פּוילישע לײַכטזיניקע באָהאַטערעס, קיין רוסישע ריזיקאַנטן, ניין! דאָס זענען מיר נישט! מיר זענען פּוילישע ייִדן! די לעצטע פּוילישע ייִדן וואָס זענען נאָך איבערגעבליבן אויף דער וועלט! און אויב דו ווייסט נישט וואָס דאָס הייסט, טאָ וועל איך דיר זאָגן: דאָס הייסט טויזנט יאָר געברענטע צרות מיט אַזאַ סוף...

שוין דעם פֿערטן טאָג ווי מיר ליגן אָנגעפּאַקט איינעם אויפֿן אַנדערן אין דער גרויסער סטאָדאָלע, קעפּ צו פֿיס און פֿיס צו קעפּ, נישט וויסנדיק וועלכע ס'זענען דײַנע אייגענע פֿיס אָדער אפֿילו דײַן אייגענער קאָפּ! האָסטו געשטופּט אַזאַ איינעם ער זאָל זײַנע פֿיס אַוועקנעמען פֿון דײַן קאָפּ, האָט ער מער נישט רעאַגירט. ער איז במשך פֿון דער נאַכט אויסגעגאַנגען. און אַזוי ביסטו געלעגן מיט טויטע אונד האַלב-טויטע אַרום זיך. אין דער פֿרי, ווען כ'האָב אויפֿגעמאַכט די אויגן האָב איך זיך צו ערשט גוט באַטאַפּט, צו זען צי איך לעב נאָך. באַלד האָב איך אָנגעהויבן רופֿן: "בעניעק!

איטשעו!״ געוואָלט זײַן זיכער, אַז זיי לעבן נאָך אויך. זעט אויס, אַז דער מחבר פֿון ״מודה אַני״, וואָס אַ ייִד זאָגט יעדן טאָג אין דער פֿרי, ווי נאָר ער מאַכט אויף די אויגן, האָט געמוזט מיטמאַכן עפּעס ענלעכס, ווי מיר דאָ. דער הונגער האָט אָבער אַזוי געפּײַניקט, אַז דו האָסט אַליין נישט געוווּסט, צי דאַנקען גאָט, וואָס ער האָט דיר צוריקגעגעבן די נשמה ״בחמלה רבא״, מיט זײַן באַרמהאַרציקייט, אָדער בעטן גאָט , ער זאָל גאָר פֿאַרגעסן דיר צוריקצוגעבן די נשמה. און ווען ס׳איז געקומען די צײַט צו באַקומען דאָס ביסל קאַווע, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דאָס ריכטיקע גיהנום. אויב ס׳איז באמת דאָ אַ גיהנום אויף יענער וועלט, איז עס זיכער אַ געלעכטער, אַקעגן דעם וואָס דאָ אין דער סטאָדאָלע איז פֿאַרגעקומען. אַלץ האָט מיט אַ מאָל אָנגעהויבן צו לויפֿן טרעטנדיק איינער אויפֿן אַנדערן, כּדי צו זײַן דער ערשטער נאָכן ביסל קאַווע. ערשטנס, איז קיין מאָל נישט געווען גענוג און ס׳האָט תּמיד אויסגעפֿעלט. און אויב ס׳איז יאָ געווען, האָבן די קאַפּאָס להכעיס אויסגעגאָסן די קאַווע אויף דר׳ערד. דעמאָלט האָבן זיך אַלע מיט אַ מאָל אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד כּדי אויסצולעקן מיט די צינגער, איידער די קאַווע אײַנגעזאַפּט אין דער ערד. די שוואַכערע זענען פּשוט צעטראָטן געוואָרן דורך די וויניקער שוואַכע ביז מע האָט זיי צוגעשלעפּט צו דער קופּע טויטע.

צווייטנס, האָבן מיר דאָך גאָרנישט באַקומען במשך די גאַנצע צוועלף טעג, ווי בלויז דאָס ביסל שוואַרץ וואַסער איין מאָל אַ טאָג און אויך דאָס נישט רעגולער.

צו מאָרגנס, ווען דער הונגער האָט נאָך מער געפּײַניקט די מענטשן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַניבאַליזם. מ׳האָט פּשוט אָנגעהויבן צו עסן איינער דעם אַנדערן: אויפֿגעריסן דעם בויך פֿון אַ טויטן צי אַפֿילו פֿון נאָך אַ לעבעדיקן, אַרויסגענומען די מילץ, צי די לעבער און זי אויפֿגעגעסן. אַזאַ איינער האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט באַהערשן פֿון זײַנע חייִשע אינסטינקטן, דאָס איינציקע וואָס איז אין אים נאָך געבליבן לעבן, ווײַל אַל דאָס רעשט איז שוין בײַ אים געווען טויט, אָפּגעשטאָרבן. דאָס איז געווען אַ נײַער טיפּ מענטש, אַ ״האָמאָ נאָווּס,״ וואָס איז דאָ, אין דער סטאָדאָלע געבוירן געוואָרן אין משך פֿון געציילטע טעג. נישט מער קיין געוויינטלעכער מוזלמאַן, ווי מע האָט גערופֿן אין לאַגער אַן אויסגעהונגערטן סקעלעט, גאַנץ עפּעס אַנדערש -- אַ מענטשן-פֿרעסער. נישט איין מאָל האָט אַזאַ ״קרבן״

רעוואָלטירט, אָנגעהויבן צו שרײַען, אַז מע זאָל אים נישט צערײַסן. וואָס הייסט? כ'לעב דאָך נאָך!!! דעמאָלט פֿלעגט זיך דער מענטשן-פֿרעסער צוריקציִען, ווי קיין מאָל גאָרנישט, און זוכן אַן אַנדער קרבן. איצט, האָבנדיק שוין מער דערפֿאַרונג האָט ער דעם נײַעם קרבן צו ערשט גוט באַטאַפּט, אים אַראָפּגעצויגן די שיך, אויב ער האָט זיי נאָך געהאַט, דערנאָך דאָס וועסטל, די הויזן און ערשט דעמאָלט, אַז יענער האָט מער נישט רעאַגירט, האָט ער זיך גענומען צו זײַן גוף: צו ערשט אָנגעהויבן צו בײַסן די האַנט, אָבער אַזאַ אויסגעצערטער, פֿאַרטריקנטע האַנט איז נישט לײַכט געווען אײַנצובײַסן, האָט ער אים צום סוף אויפֿגעריסן דעם בויך... מיט עטלעכע שעה שפּעטער איז אָבער אַזאַ איינער באַלד אויך אויסגעגאַנגען, ווײַל די מענטשן האָבן געטראָגן אין זיך כּלערליי קרענק.

איטשע האָט אונדז ווידער געוואָרנט: שטרוי זאָלט איר פֿרעסן! אָבער בשום-אופֿן נישט קיין מענטשנפֿלייש!!! אָבער גיי און פֿרעס שטרוי! לײַז האָב איך שוין געזען ווי איינער האָט אַרײַנגעלעגט אין מויל אַרײַן, אָבער שטרוי? און נישט איין מאָל, ווען כ'האָב זיך צוגעקוקט ווי מען פּאָסמאַקעוועט זיך מיט אַזאַ פֿריש לעבערל אָדער מילצעלע, האָב איך אויך באַקומען אַ שרעקלעכן אַפּעטיט, כאָטש בלויז אַרײַנצובײַסן זיך אין אַזאַ מין לעבעדיק שטיק פֿלייש. כ'האָב אַ כאַפּ געטאָן אַ בליק אויף בעניעקן און געזען ווי אויך ער באַלעקט זיך צוקוקנדיק זיך צו דער עבֿודה, ווי צוויי קאַניבאַלן האָבן זיך נאָר וואָס גענומען צו אַזאַ פֿרישן קרבן. "הלוואי וואָלט די גאַנצע סטאָדאָלע פֿאַרברענט געוואָרן מיט אונדז צוזאַמען איידער דאָס מיטצומאַכן," האָט איטשע ווי צו זיך גערעדט.

"אוי, קינדער -- האָט ער געקלאָגט מיט אַ ווייטיק -- אוי, וואָס מיר האָבן דערלעבט, צו וואָס מיר זענען דערגאַנגען! צדיקים זענען דאָך געווען די אַלע וואָס זענען באַלד פֿון אָנהייב, נאָך אין 42, אומגעקומען און דאָס אַלץ נישט געדאַרפֿט מיטמאַכן. ניין! דאָס וואָס זיי האָבן מיט אונדז געמאַכט, נאָך דעם צו וואָס זיי האָבן אונדז צוגעברענגט, איז שוין מער נישט קיין מציאה דאָס איבערצולעבן. אפֿילו צו זען זייער מפּלה, האָט אויך מער קיין זינען נישט. נקמה? וואָס פֿאַר אַ נקמה קאָן נאָך דאָ בכלל זײַן? איך שטעל מיר מער נישט פֿאָר קיין לעבן נאָך דעם אַלעם. כ'וועל נישט קענען

מער לעבן און כ'וויל נישט לעבן, כ'זאָל אפילו ווערן באַפרייַט! און פון וואָס, מישטיינס געזאָגט, קאָן מען שוין דאָ זייַן באַפרייַט?... איר זענט נאָך יונג, און אויב איר וועט לעבן, וועט איר לעבן! כ'בין אָבער אייַך נישט מקנא, ס'וועט אייַך נישט זייַן וואָס מקנא צו זייַן... די דייַטשן האָבן אונדז באַזיגט! ערשט דאָ, אין דער סטאָדאָלע, האָבן זיי אונדז באַזיגט און נאָך ווי!!! אָבער נישט מיך, ניין! ניין! נישט קיין מענטשנפליש! איך וועל קיין מענטשנפלייש נישט פרעסן!!!

צו מאָרגנס איז איטשע פאַרשווונדן געוואָרן. ער איז אַרויס פון דער סטאָדאָלע און האָט זיך געבעטן בייַם וואַכמאַן אין דרויסן, ער זאָל אים דערשיסן. אָבער דער וואַכמאַן האָט נישט געהאַט קיין חשק אים צו טאָן אַזאַ טובֿה. "דו שווייַנעהונט! וואָס מאַכסט דו היר? -- האָט ער אויף איטשען געשריגן -- זאָפאָרט אַוף דייַן פּלאַץ!" און אים אַ דזשיוכע געגעבן מיט דער קאָלבע פון דער ביקס. איטשע האָט זיך אָנגעהויבן בעטן, ער זאָל אים כאָטש געבן פייַער, אַ זאַפּלקע. האָט אים דער וואַכמאַן ווידער אַ זעץ געגעבן מיט דער קאָלבע איבערן קאָפּ. האָט איטשע באַניצט זייַן לעצטע געווער -- מיטן לעצטן ביסל שפּייַעכץ, וואָס ער האָט נאָך פאַרמאָגט, געגעבן דעם וואַכמאַן אַ שפּיַי גלייַך אין פּרצוף אַרייַן. באַלד זענען צוגעלאָפן נאָך צוויי וואַכמענער און מיט רציחה זיך געגעבן אַ וואָרף אויף איטשען. "דויטשע שווייַנע! מערדערס! שיסט מיך!" -- האָט איטשע אָנגעהויבן שרייַען. אויף להכעיס האָבן זיי אים נישט געוואָלט דערשיסן, נאָר אים מערדעריש צעקייַלט און אים צוריק אַרייַנגעוואָרפן אין דער סטאָדאָלע אַרייַן. איטשע איז געבליבן ליגן אין חלשות בייַם אַרייַנגאַנג.

בעניעק און איך האָבן פּרובירט אים צוצושלעפּן אויף אונדזער פּלאַץ, אָבער מיר זענען געווען צו שוואַך. דער קאַפּאָ האָט דאָס דערזען און אונדז אַוועקגעטריבן. ער האָט באַפוילן אַנדערע צוויי צוצושלעפּן איטשען צו דער קופּע טויטע.

"הער קאַפּאָ, ער לעבט דאָך נאָך!" האָט זיך בעניעק אָנגערופן. אָבער דער קאַפּאָ איז אים פאַרפאָרן מיטן שטעקן איבערן קאָפּ און געשריגן: "האַלט די שנאַוצע, דו קליינער דרעקזאַק! ווען איך זאָגע טאָט, דאַן איז ער טאָט!"

מיר זענען געבליבן ליגן ביַי איטשען אַ גאַנצע נאַכט און געווישט דאָס בלוט, וואָס איז אים גערונען פֿון קאָפּ, פֿון דער נאָז, פֿון מויל. אין דער פֿרי איז שוין איטשע געלעגן מיט אָפֿענע אויגן און מער נישט געאָטעמט. כ׳האָב אַרויפֿגעלייגט מיַין האַנט אויף זיַין פּנים און אים פֿאַרשלאָסן די אויגן אויף אייביק. מיַינע ליפּן האָבן געשעפּשעט: ״יתגדל ויתקדש שמה רבא...״

פֿינפֿטער טייל

נאָך עטלעכע טעג זענען מיר אַזוי געלעגן און געפֿילט ווי די לעצטע כּוחות פֿאַרלאָזן אונדז. די נשמה גליטשט זיך פּאַוואָליע אַרויס פֿון דעם בידנעם גוף און וואָס ערגער -- אָדער אפֿשר גאָר בעסער -- אַז די פֿאַנטאַזיעס זענען מיט אַ מאָל פֿאַרשוווּנדן. נישט מער געחלומט, נישט פֿאַנטאַזירט וועגן אַ שטיקל ברויט, אַ זופּ, אַ ביסל פֿריַיהייט. דאָס אַלץ איז איצט געוואָרן אַזוי וויַיט. אין אָנהייב האָט מען נאָך מורא געהאַט צו ווערן אַ פּאָלנער מוזלמאַן, אָדער אַ מענטשן-פֿרעסער. מיט אַ מאָל איז אַלץ געוואָרן אַלץ איינס. אַלע מוראס אויף דער וועלט, דער אייביקער פּחד פֿון אַ קאַצעטניק איז ווי דורך אַ כּישוף מיט אַ מאָל פֿאַרשוווּנדן, ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ס׳איז דיר גראָד גוט: דער גוף דאַרף שוין איצט גאָרנישט מער. ער ליגט זיך אַזוי רויִק אויפֿן שטרוי און די נשמה פֿליט זיך אַרום אין דער סטאָדאָלע אין דער הייך, אונטערן באַלקן, און קוקט זיך גליַיכגילטיק אַראָפּ צו דיר, אויפֿן פּגר... און אפֿשר בין איך שוין טויט? -- האָט זיך מיר געמישט ערגעץ אין קאָפּ. עס איז בכּלל נישט אַזוי שלעכט! און אפֿשר עסט מען שוין מיַין לעבער? איך האָב פּרובירט זיך אָנצוטאַפּן ביַים בויך, אָבער כ׳האָב בשום-אופֿן נישט געקענט. אויך דאָס איז מיר מער נישט געווען קיין גרויסער חילוק.

וואָס גיסט זיך מיט אַ מאָל עפּעס צו מיר אין מויל אַריַין? און ווער האַלט מיך אין איין פּאַטשן אין פּנים אַריַין? יאָ, דאָס איז בעניעק, ער פּאַטשט מיך אַזוי שטאַרק. צי איז ער אַראָפּ פֿון זינען? ״יעקבֿ! יעקבֿ!״ -- הער איך אים רופֿן, ווי פֿון דער וויַיטנס, און ער גיסט מיר אַ ביטער וואַסער אין מויל אַריַין.

״וואָס איז, בעניעק, וואָס איז געשען?״ -- פֿרעג איך אים.

„אוי, יעקבֿ, יענקעלע, דו לעבסט! כ'האָב געמיינט, אַז דו ביסט שוין אויך אַ פֿאַרטיקער.“

„ניין, בעניעקל, כ'בין נאָך נישט קיין פֿאַרטיקער! זעסט דאָך, אַז כ'לעב! כ'האָב נאָר פּרובירט צו כאַפּן אַ קוק, ווי אַזוי ס'זעט דאָרטן אויס, אויף יענער וועלט, אפֿשר ווען דו וואָלטסט מיך נישט צוריקגערופֿן פֿון מיטן וועג, נישט געפּליאַסקעט אין דער מאָרדע אַריַין, אַז די נשמה איז מיר שיעור נישט אויסגעגאַנגען, און נישט אַריַינגעגאָסן אין מיר דיַין לעצטע ביסל קאַווע, טאָ ווער ווייסט, צי כ'וואָלט שוין אַצינד נישט געווען דאָרט, אויף יענער וועלט.“

„ע-ע-ע, נאַרישקייטן! יענע וועלט, -- דו גלייבסט נאָך אין אַזעלכע באָבע-מעשׂיות?“ -- האָט בעניעק פֿון מיר געחוזקט, ווי אַן אַלטער געניטער אַפּיקורס: „אָט האָסטו די קופּע פֿאַרשטונקענע טויטע. זע וואָס פֿאַר אַ יענע-וועלט ס'איז דאָ!“

„כ'ווייז נישט, בעניעק, אָבער ס'איז נישט אַזוי שרעקלעך דאָרטן ווי מען מיינט. אַצינד איז מיר אַ סך שרעקלעכער: כ'בין שוין ווידער הונגעריק!“

„אויב אַזוי, יענקעלע,“ האָט בעניעק אָנגעהויבן מיך צו פֿאַרוויַילן, ציטערנדיק אַז כ'זאָל חלילה ווידער נישט פּרובירן צו מאַכן אַ שפּאַציר אַהין, אויף יענער וועלט, „אויב אַזוי: טאָ אפֿשר האָסטו אַן אַפּעטיט אויף אַ פֿריש לעבערל? אָדער אַ מילצעלע? און אפֿשר גאָר אַ פּופּיקל? אָבער ליידער נישט קיין געבראָטנס, נאָר אַ רוי פּופּיקל פֿון אַ מענטשעלע, אַ קאַצעטניקל. וואָס האָסטו ליבער, מיַין טיַיער יענקעלע? אַ פֿראַנצייזיש פּופּיקל, צי אַ ייִדיש פּופּיקל, און אפֿשר גאָר אַ רוסיש לעבערל? אָט ליגט דאָ ביַי דיַינע פֿיס אַזאַ פּייגערל שוין דעם צווייטן טאָג, נאָך געווּג פֿריש, ס'איז אָבער שווער צו דערקענען, וואָס ער איז, זיי האָבן אַלע דעם זעלבן פּרצוף...“ פּלוצלינג אַ געפּיַיפֿעריַי: „אופֿשטיין! ראַוס צום אַפּעל! שנעל! שנעל! צום אַפּעל!“

יעקבֿ, דו הערסט? עס הייבט אַלץ אָן צוריק צו פֿונקציאָנירן, צוריק נאָרמאַל צו ווערן. זעסט, מען יאָגט שוין אונדז ווידער צום אַפּעל, ווי אין יענע גוטע ציַיטן...“

די וואַכמענער זענען אַרײַן אין דער פֿאַרשטונקענער סטאָדאָלע מיט טיכלעך פֿאַרבונדענע אויף די פּנימער, טייל האָבן געטראָגן גאַזמאַסקעס און האָבן אונדז גייאָגט אַרויס צום אַפּעל. אָבער זייער ווייניק האָבן זיך נאָך אויפֿגעהויבן. די גרעסטע טייל איז געבליבן ליגן נישט קענענדיק זיך רירן פֿון אָרט. די וואַכמענער האָבן זיי צוגעשאָסן.

דאָס צווייטע מאָל זינט מיר גייען אין טויטנמאַרש האָבן מיר באַקומען אַ זופּ און גראָד אַן אמתע באָנע-זופּ. דאָס האָט פּשוט מחיה-מתים געווען און אַרײַנגעגעבן אַ שטיק לעבן (זינט דעמאָלט איז נישטאָ פֿאַר מיר עפּעס בעסערס, ווי אַ באָנע-זופּ, אָדער אַ באָבעלע-זופּ, ווי מע האָט עס אַ מאָל גערופֿן אין דער היים. מעג איך הײַנט צו טאָג עסן די בעסטע מאכלים וואָס זענען פֿאַראַן אָוף דער וועלט, קיין מאָל אָבער וועל איך נישט עסן מיט אַזאַ הנאה און תּאווה, ווי איך עס אַ באָבעלע-זופּ. גענוי ווי איך וואָלט הײַנט אַוועקגעגעבן, כ'ווייס נישט וואָס, פֿאַר אַ ביסל זיסע סופּ, וואָס מיר האָבן אַ מאָל באַקומען אויפֿן "ווערק צע" אין סקאַרזשיסק, נאָר גיי ווייס, ווי אַזוי מ'שטעלט צוזאַמען אַזאַ יקום-פּורקן-זופּ.(1)

דער לאַגער קאָמענדאַנט האָט זיך צוריק באַוויזן אויף זײַן מאָטאָציקל און אונדז געהאַלטן אין איין ציילן, גענוי ווי אַ פּאַסטעכל אין אַ מעשׂה-ביכל, פֿאַר קינדער, וואָס ציילט זײַנע שעפּעלעך נאָך אַ גרויסער מגיפֿה. דאָס מאָל אָבער האָט ער קיינעם מער נישט געסטראַשעט. מיר זיינען שוין געווען אויסגעסטראַשעט... ער האָט גוט געוווסט, אַז אַ זופּ, אַ פּיַיקע ברויט קאָן העלפֿן, אָבער סטראַשען?

איצט האָט זיך דער גאַנצער האָריזאָנט געענדערט, זינט דעם אָנהייב פֿון טויטנמאַרש. נישט נאָר די נאַטור איז געוואָרן אַן אַנדערע, נאָר בעיִקר די העפֿטלינגען. אַצינד האָט מען בשום-אופֿן מער נישט געקענט דערקענען ווער ס'איז ווער. אַלע האָבן געהאַט דאָס זעלבע פֿאַרטריקנט סקעלעטיש פּנים מיט צוויי גרויסע לעכער אונטערן שטערן, ווו ס'האָבן אַרויסגעגלאָצט צוויי גרויסע פֿאַריתומטע אויגן. אויך די וואַכמעמער זענען מער נישט געווען די זעלבע. מײַן אונגאַרישן וואַכמאַן האָב איך מער נישט געזען. לעבן מיר איז איצט אויסגעוואַקסן אַ פֿריש געבאַקענער בלאָנדער וואַכמאַן פֿון אַ יאָר

זעכצן-זיבעצן, מיט אַ קינדעריש-איבערגעשראָקן פּנים. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט מער מורא פֿאַר אונדז ווי מיר פֿאַר אים. די גאַנצע צײַט האָט ער נערוועז געהאַלטן די ביקס גרייט צום שיסן. דער וועג איז געווען באַלייגט מיט סאָלדאַטן, אַלטע לײַט, פֿרויען און קינדער, טאַנקען, פּאַנצער-וואָגנס און סתּם אויטאָס, אויך פּויערישע פֿורן אײַנגעשפּאַנט אין פֿערד און אין מענטשן. אַלץ איז געלאָפֿן אין אַ בהלה, ווי פֿאַרסמטע מײַז פֿון אַ שׂריפֿה.

אין דעם גאַנצן תּוהו-ובוהו זענען אויף די קרייצוועגן געשטאַנען פֿעלד-פּאָליציי און געוויזן דעם וועג. דעם וועג צום מערבֿ.

הײַזער זענען געשטאַנען פֿאַרלאָזטע. אין מיטן דערין, ממש אין מיטן עסן, אַלץ שטיין געלאָזט, זיך אויפֿגעהויבן און געמאַכט אַ ויבֿרח. אַלץ שטייט נאָך אויף די טישן, די טירן זענען צעפּראַלט, דאָס ליכט ברענט נאָך, נישט באַוויזן אפֿילו אויסצולעשן. אוי, ווי קאָן מען זיך אַרײַנכאַפּן אין אַזאַ הויז, אין אַזאַ מלכות, זיך דאָס האַרץ צו דערכאַפּן! אָבער דער יונגער בלאָנדער וואַכמאַן שטייט גרייט ווי דער מלאך-המוות און קאָן נאָך אין יעדן אויגנבליק אַ שאָס געבן, אפֿילו נישט-ווילנדיק. ער איז נאָך געפֿערלעכער ווי אַ פּראָפֿעסיאָנעלער שיסער, וואָס שיסט אויסגערעכנט, ווען און וווּ ער וויל. דאָס איז זיכער זײַן ערשט שטיקל אַרבעט אין דער מלחמה, האָב איך מיר געטראַכט און מען מוז זייער אויפֿפּאַסן אויף אַזאַ נישט געניטן ראָצער(2), נישט מאַכן חלילה קיין איבעריקע באַוועגונג. און אפֿשר, ווען די נאַכט וועט צופֿאַלן, ס'וועט ווערן פֿינסטער, וועט זיך מאַכן אַ געלעגנהייט? אָבער ווען ס'איז געוואָרן פֿינסטער, גייען מיר גאָר אין מיטן פֿעלד.

מיט אַ מאָל, אַ צעטומלעניש, מיר געפֿינען זיך אין אַ גרויסן הויף מיט בהמות, פֿערד, חזירים. די לופֿט איז פֿול מיט ריחות פֿון לעבן, ריחות פֿון מיסט, ליינע, גנויופֿקע, עס שמעקט אַוועק! אסור מיר, צי אין גן-עדן שמעקט בעסער. אָט שטיי איך פּלוצלינג, כ'ווייס אַליין נישט ווי אַזוי, פֿאַר אַ גרויסער חזירים-קאָרעטע מיט וואַרעמע צעהאַקטע קאַרטאָפֿל. די פּאַרע שלאָגט מיר אין פּנים אַרײַן און כ'ווער פֿאַרשיקערט פֿונעם ריח-ניחוח. איך טראַכט נישט קיין סך און גיב מיך אַ וואָרף אויף דער קאָרעטע מיט מײַן גאַנצע לײַב-און-לעבן און שטופּ אין זיך אַרײַן פֿולע הויפֿנס מיט וואַרעמע קאַרטאָפֿל. אין

אָנהייב קוקן פֿאַרוווּנדערט די אָנגעפּרעסענע חזירים אויף דעם אויסגעהונגערטן גאַסט מיט זייערע כיטרע חזירישע אייגעלעך. באַלד אָבער צעריטשען זיי זיך אויף אַלע קולות, אַזוי חזיריש, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אַז ס׳וועט פֿאַר זיי גאָרנישט מער איבערבלײַבן.

אַצינד ערשט פֿאַרשטיי איך, האָב איך זיך געטראַכט, פֿאַר וואָס די תּורה האָט אַזוי שטרענג פֿאַרבאָטן צו עסן חזיר. ס׳איז אַוודאי דערפֿאַר, כּדי חלילה אַליין נישט צו ווערן קיין חזיר. אַזעלכע אָנגעפּרעסענע חזירים! וויפֿל זיי האָבן, איז פֿאַר זיי ווייניק! וואָס גייט זיי אָן אַ מלחמה, אַ הונגער אויף דער וועלט, דער עיקר, אַז זיי האָבן חזיריש צו פֿרעסן. אַזוי אַז אַ חזיר בלײַבט אַ חזיר...

אַ זעץ איבערן קאָפּ פֿון אַ פּויערישער ווידלע האַקט אָפּ מײַנע חזירישע פֿילאָסאָפֿיעס און כ׳ווער צוריק ניכטער. איצט יאָג איך זיך מיט פֿרישע כּוחות נאָכן טראַנספּאָרט, וואָס האָט זיך שוין געהאַט דערווײַטערט פֿון מיר.

די צרה איז אָבער געווען, אַז נאָך אַזאַ מין אויסערגעוויינטלעכן חזירישן אָוונטברויט ווערט מיר מיט אַ מאָל דער בויך אויפֿגעשוואָלן ווי אַ פּאַס און ס׳כאַפּט מיך אָן געפֿערלעכע ווייטיקן. ״אַ סימן, אַז דער גוף לעבט נאָך,״ טרייסט מיך בעניעק. ״מוחל טובֿות!״ שרײַ איך פֿאַרצווייפֿלט. ״איך קאָן אָבער מער נישט גיין!״ בעניעק כאַפּט מיך אָן, כ׳זאָל נישט אומפֿאַלן און מוסערט מיך:

״דו מוזסט גיין! איצט מוזסטו גיין!״

איך האַלט זיך אין איין קאָרטשען פֿון די ווייטיקן, אַז כ׳קאָן אַזש דעם אָטעם נישט כאַפּן און לאָז זיך אַראָפּ אויף דער ערד, מיטשלעפּנדיק מיט זיך בעניעקן. ער איז גערעכט, בעניעק. איך מוז גיין! איך מוז גיין! אַצינד מוז איך לעבן! -- שרײַט עפּעס אַ כּל אין מיר: איצט, ווען די לופֿט רעדט ווערטער, אָט-אָט איז נאָך אַלעמען, נאָך דער מלחמה! מײַן בויך ווערט מיר אָבער צעזעצט פֿון ווייטיק און איך קאָרטשע זיך נאָך מער צוזאַמען אויף דער פֿײַכטער ערד.

״יעקבֿ, יענקעלע -- בעט זיך בעניעק -- שטיי אויף! מ׳וועט דיך נאָך דערשיסן!״ -- און ער ברעכט אויס אין אַ געוויין.

דאָס איז בעניעק, מײַן לאַגער-חבֿר, ער קאָן נאָך װײנען, שױן לאַנג אַזױנס נישט געזען. אין קאַצעט װײנען? לאַכן, דאָס יאָ, אָבער װײנען? בעניעק האַלט אין צִיען מיך בײַ דער האַנט, אָבער אומזיסט.

״גײ אַװעק! -- שרײַ איך צו אים -- גײ, לאָז מיך ליגן! אפֿשר װעט מען מיך נישט באַמערקן, עס איז דאָך פֿינסטער.״ ער אָבער װיל מיך בשום-אופֿן נישט איבערלאָזן. ער פּרובירט מיט די לעצטע כּוחות מיך אױפֿצוהײבן, אָבער ער איז צו שװאַך. פּלוצלינג פֿיל איך, װי עמעצער נעמט מיך אָן פֿון דער צװײטער זײַט און שטעלט מיך אױף די פֿיס. בײדע שלעפּן מיך אַצינד, בעניעק פֿון אײן זײַט און דער פֿרעמדער פֿון דער צװײטער זײַט. מיר גײען, און אפֿשר זענען מיר גאָר געפֿלױגן, באַרג-אַרױף און באַרג-אַראָפּ און װידער באַרג-אַרױף. אַרום איז חושך מצרים. איך הער נאָר דאָס שװערע סאָפּען פֿון מײַנע צװײ רעטערס.

בנאמנות, ס׳איז זײ נישטאָ װאָס מקנא צו זײַן, נישט בלױז װאָס זײ מוזן שלעפּן די אײגענע קראַנקע קאַצעטישע פֿיס, שלעפּן זײ נאָך איצט מיט זיך אַזאַ פּגר װי מיך. אָבער װער איז דער פֿרעמדער? אַ מלאך אפֿשר? װי אַזױ קומען דאָ אַהער מלאכים. אַז אסור, צי טײַװולאָנים װאָלטן זיך דערװעגן דאָ אַהער צו קומען! אַזױ װי זײ פֿירן מיך װי אַ חתן אונטער דער חופּה, רײַב איך מיר דערװײַלע דעם אױפֿגעשװאָלענעם בױך און נאָך אַ לענגערער צײַט װערט מיר בעסער. דער בױך װערט מיר צוריק אײַנגעשרומפּן, װי בײַ אַ נאָרמאַלן אױסגעהונגערטן קאַצעטניק. איך װײס נאָך אַלץ נישט װער דער פֿרעמדער איז, -- אַ ייִד, אַ פֿראַנצױז, צי אַ רוס? אָבער װאָס איז דען דער חילוק? אַ קאַצעטניק איז ער זיכער! די זעלבע נאַכט האָט מען גערוט עטלעכע שעה אױף אַ זײַטיק װעגל. אין מיטן שלאָף, -- אַ גװאַלד, אַ געשרײערײַ -- װאָס האָט פּאַסירט? יאָ, דער זעלבער גוטער מלאך מײַנער, װאָס האָט מיר אָפּגעראַטעװעט ס׳לעבן, האָט זיך געלײגט צו נאָענט צום װעג, אַ טאַנק איז אַדורכגעפֿאָרן און אים אָפּגעשניטן בײדע פֿיס. אַ שאָס פֿונעם װאַכמאַן האָט אים אױסגעלײזט פֿון זײַנע לײדן.

צו מאָרגנס פֿרי, דעם 8טן מײַ 1945, װען מיר האָבן אױפֿגעמאַכט די אױגן, האָבן מיר געזען, אַז מיר געפֿינען זיך הינטער אַ שטעטל צװישן גערדיכטע באַװעלדערטע גרינע בערג.

״אַך, ווי הערליך עס איסט היר!״ -- האָט איינער פֿון די עס-עס-וואַכמענער ראָמאַנטיש אויסגערופֿן.

״נו יאַ, וויר זינד אין סודעטן-דײַטשלאַנד,״ -- האָט אַ צווייטער, אַן אויפֿגעלייגטער, געענטפֿערט.

באַלד האָבן זיך באַוויזן צוויי ציווילע עלטערע מענער און ענערגיש פֿאַרהאַנדלט מיטן אונטערשאַרפֿירער. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איינער פֿון זיי איז דער בירגער-מײַסטער פֿון שטעטל. ער וויל אונדז, די מאָדנע באַשעפֿענישן, בשום-אופֿן נישט האָבן בײַ זיך ווי געסט. ער פֿאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן וואָס גיכער פֿאַרלאָזן דאָס אָרט און גיין ווײַטער. ס׳האָט אויסגעזען ווי ער ציטערט אין גאַנצן פֿאַר אַזעלכע נישט-געוויינטלעכע, אומגעבעטענע געסט. דאָס ערשטע מאָל וואָס מע האָט גאָר פֿאַר אונדז מורא! די אַלײַרטע אַרמייען קענען אין יעדן אויגנבליק אָנקומען און מיר זענען פֿאַר זיי באַשטימט נישט קיין גוטע עדות... לאַנג האָט מען פֿאַרהאַנדלט און אָפּגעמאַכט, אַז מיר בלײַבן נאָר עטלעכע שעה ביז צו אַ נײַעם באַפֿעל.

דערווײַלע האָבן מיר אָנגעהויבן פֿעסט זיך צו באַזעצן אויפֿן פֿײַכטן פֿרימאָרגנדיקן גראָז, באַדעקט מיט בלײַענדיקע מײַאָווע בלומען. די זון האָט זיך פּאַמעלעך אויפֿגעהויבן פֿון הינטער די באַוועלדערטע בערג און האָט אונדז באַגריסט מיט אַ זוניקן גוטמאָרגן, ווי זי וואָלט אונדז געוואָלט אָנזאָגן אַ גוטע בשׂורה, וואָס פֿאַר אַ גרויסער טאָג עס דערוואַרט אונדז הײַנט... מיר האָבן אָבער די רמזים פֿון דער זון נישט פֿאַרשטאַנען; פֿאַרקערט, מיר האָבן גאָר פֿאַר איר געציטערט. מיר האָבן שוין גענוג געהאַט דערפֿאַרונג און געוווּסט, אַז נישט תּמיד ווען די זון שײַנט, איז שיין אויף דער וועלט... בײַ די גרעסטע אַקציעס, סעלעקציעס, עקזעקוציעס, פֿלעגט זיך די זון תּמיד באַווײַזן, און ווי אויף צו להכעיס שײַנען ווי קיין מאָל גאָרנישט. אַנשטאָט זיך צו באַהאַלטן, צו באַגראָבן ס׳פּנים פֿאַר חרפּה, פֿאַר בושה, אונטערצוגיין לעולם-ועד, אויף אייביק. מיר האָבן שוין פֿון לאַנג געוווּסט, אַז די זון שײַנט מער נישט פֿאַר אונדז. זי שײַנט פֿאַר אונדזער גרעסטן שׂונא. די זון איז געוואָרן אַ נאַציחע! נישט איין מאָל, ווען איך פֿלעג אַרויפֿקוקן צו דער זון, האָב איך אין איר געזען אַ האַקנקרייץ.

יעדער איינער פֿון אונדז איז איצט געווען אַרײַנגעטאָן אין זײַנע אייגענע צרות, -- ווער אין לויזן זיך און ווער אין גוססן, אין אָפּשיידן זיך פֿונעם בידנעם קאַצעטנישן לעבן. אַ סך פֿון אונדז זענען דאָ געבליבן ליגן אויף אייביק, דאָ צווישן די מיִיאָווע שמעקענדיקע בלומען.

אין מיטן דער עבֿודה, כ׳מיין: אין מיטן לויזן זיך, אַ נישט געווײנטלעכע באַוועגונג -- מע גייט, מע קומט מיט גאַנצע אוצרות: טאָרבעס ברויט, קאַרטאָפֿל און שאָר-ירקות. די וואַכמענער מאַכן זיך נישט-קוקן, אָדער זענען זיי טאַקע נישט? זיי האָבן מיט זיך צו טאָן, סודען זיך, רעדן, דיסקוטירן, ווי נישט-געוויינטלעך. מיר, קאַצעטניקעס, גייען זיי מיט אַ מאָל אָן ווי דער פֿאַרײַאָריקער שניי.

איך שאַר מיך צו צום אַזאַ איינעם, וואָס איז ערשט צוריקגעקומען מיט אַ טאָרבע אָנגעפּאַקטע מציאות און בעט בײַ אים אַ שטיקל ברויט. דער קאַצעטניק הייבט אויף מיר אויף צוויי קאַצעטנישע אויגן, ווי איך וואָלט גאָר פֿון אים פֿאַרלאַנגט דאָס טעלערל פֿון הימל און זאָגט צו מיר אין אַ היימישן ייִדיש:

"ווייסט כאָטש, אַז ביסט אַ משוגענער? וואָס, ברויט זאָל איך דיר געבן? פֿאַר וואָס? ביסט דען קראַנק? כ׳זע אַז דו קאָנסט זיך נאָך נישקשה רירן. טאָ גיי שוין, פּאַראַזיט וואָס דו ביסט, צו אַל די שוואַרצע יאָר אַליין איינשטעלן ס׳לעבן, ווי איך האָב געטאָן. אָט דאָ נישט ווײַט איז אַ דאָרף. אַז וועסט האָבן מזל. מע וועט דיך נישט אַוועקלייגן, קענסטו עפּעס אָרגאַניזירן."

איך קוק זיך אַרום, זוך אַ שותּף אין וועג אַרײַן. אוי, ווּו איז בעניעק? כ׳קאָן אים בשום-אופֿן נישט געפֿינען. מן הסתּם איז ער אויך אַוועק "אָרגאַניזירן." איך קוק אויפֿן ערשטן בעסטן שכן, וואָס זיצט לעבן מיר, אויסגעטאָן אדם נאַקעט און לויזט זיך. זײַן לאַנגער אויסגעדאַרטער גוף איז באַוואַקסן פֿון קאָפּ ביז די פּיס מיט געדיכטע געקרײַזלטע האָר, ווי בײַ אַ בער. ער איז אַזוי אַרײַנגעטאָן אין דער עבֿודה, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט נאָר באַשטאַנען אין קנאַקן לײַז.

"געען ויר אַוך?" -- האָב איך געוואַנדן אין דײַטש צום פֿרעמדן באַוואַקסענעם, -- מאַן קאַן וואַס אָרגאַניזירען."

״פֿאַר וואָס ניט?״ -- ענטפֿערט מיר דער באַוואַקסענער אין אַ מאָדנעם ייִדיש: ווי לאַנג לעבן, דאַרפֿן עסן, קנאַקן לײַז און עסן!״

און אַזוי, אין צווייען, האָבן מיר זיך פֿאָרזיכטיק אַרויסגעלאָזט אין וועג אַרײַן. דאָס ערשטע מאָל זינט יאָרן, געשטעלט אונדזערע ערשטע טריט אָן אַ וואַכמאַן איבער זיך, -- דער לאַנגער באַוואַקסענער קאַצעטניק מיט קוים אַ פּאָר צעריסענע קאַצעטנישע הויזן אויף זײַן לײַב און איך, דער קליינער קאַצעטניק, וואָס האָט נישט בעסער אויסגעזען, אָבער נישט געווען באַוואַקסן.

״איך מישאַ, רוסקי טשעלאָוויעק! -- האָט דער באַוואַקסענער מיט אַ מאָל צו מיר אויסגעשטרעקט אַ פֿרײַנדלעכע האַנט -- און דו?״ -- האָט ער געפֿרעגט.

״אָ, איך הייס יעקבֿ,״ -- האָב איך מיך פֿאָרגעשטעלט, איבערראַשט פֿון דער אומגעררריכטער העפֿלעכקייט און זיך פֿאַרנייגט ווי אַ מאָל אין דער היים.

״זייער אָן-גע-נעם!״ -- האָט דער באַוואַקסענער געענטפֿערט און זיך טיף פֿאַר מיר פֿאַרנייגט, ווי פֿאַר אַ פּריץ.

״כאַראַשאָ! -- האָט ער אַ צופֿרידענער ווײַטער געזאָגט -- איך מישאַ, דו יעקבֿ! דו פּאָליאַק ייִד, איך רוסקי האַלב ייִד! מאַמאַ ייִד, פּאַפּאַ גוי.״

״אַ-ה-ה-ה,״ -- האָב איך אויסגערופֿן, -- ״מאַמאַ ייִד, פּאַפּאַ גוי!?״ -- און מיר האָבן זיך האַרציק צעלאַכט אויפֿן כל, אַז די בערג אַרום האָבן אַזש מיטגעלאַכט, צוריקענטפֿערנדיק אונדז מיט זייער באַס קול.

זעט אויס, אַז דעם בעסטן רושם האָבן מיר נישט געמאַכט, ווײַל ווי נאָר מיר זענען אַרײַנגעקומען אינעם ערשטן בעסטן דאָרפֿישן הויז אַרײַן, איז די בעל-הביתטע, דערזעענדיק אונדז, באַלד אַוועקגעפֿאַלן אין חלשות. מיר האָבן זי, פֿאַרשטייט זיך, געלאָזט ליגן אויסגעצויגן אויף דר׳ערד. מיר האָבן נישט געהאַט קיין צײַט צו אַזעלכע נאַרישקייטן. אין אָנהייב האָבן מיר אין דעם הויז קיין גרויסע מציאות נישט געפֿונען. דאָך האָבן מיר אין דער לעצטער מינוט

באַמערקט אַן אוצר שטיין אונטער אַ שאַנק. דאָס איז געווען אַ גרויסער סלוייִק מיט איַינגעמאַכטוס, וואָס נאָר אין משיחס ציַיטן וועלן מיר אפֿשר עסן אַזאַ גיט איַינגעמאַכטס.

״דאַוויַי! -- האָט מישאַ ענטוזיִאַסטיש אויסגערופֿן, -- דאַוויַי מאַרמאַלאַד!״ איידער וואָס ווען, איז דער סלוייִק געווען ליידיק און דער מאָגן פֿול, אָבער איידער וואָס ווען איז דער מאָגן צוריק ליידיק געוואָרן. דער באַוואַקסענער מישאַ האָט געלאַכט פֿון מיר, אָבער נישט אויף לאַנג, וויַיל באַלד האָט ער אויך אַלץ צוריקגעגעבן. זעט אויס, אַז ווען ס׳איז ביטער אויף דער וועלט, קען אויך דער מאָגן נישט פֿאַרטראָגן אַזעלכע זיסע מציאות. בײַם אַרויסגאַנג האָבן מיר געהערט די בעל-הביתטע וואָס איז נאָך אַלץ געלעגן אויסגעצויגן אויף דר׳ערד: ״זי זינט דאָך ניכט די רוסקי?״

״ניין, ניין, ניכט רוסקי! רוסקי מאָרגען קאָמען!״ -- האָט מישאַ זי געטרייסט.

די שכנים אַרום אין דאָרף האָבן שוין געוווּסט וועגן די צוויי פֿרעמדע אַריַינדרינגערס, וויַיל דאָס צווייטע הויז איז שוין געווען פֿאַרריגלט אויף שלאָס און קייט און פֿאַרלאָדנט. אינעם דריטן הויז איז געווען דאָס זעלבע, אָבער דורך אַ שפּאַרע האָבן מיר באַמערקט ווי אַ יונגע פּויערטע קוקט אַרויס צו אונדז אַזוי איבערגעשראָקן, אַז מיר האָבן אַזש באַקומען חוצפּה און אָנגעהויבן צו קלאַפּן אין דער טיר: ״מאַכן אַוף! מאַכן אַוף! -- האָט מײַן באַוואַקסענער קאָלעגע געראָפֿן, -- וויר הונגער! וויר הונגער!״

נאָך עטלעכע מינוט וואַרטן האָט די יונגע פּויערטע פּאַוואָליע אויפֿגעמאַכט די טיר און מיט אַ ציטערענדיקער שטים אונדז באַגריסט: ״גריס גאָט.״

״גריס גאָט, גריס גאָט,״ -- האָט מישאַ אין איַילעניש צוריקגעענטפֿערט און זיך אַרייַנגעשטופּט אין צימער אַריַין -- ״עסען! עסען! ניכט רוסקי!״ -- האָט ער גערופֿן און אַרומגעלאָפֿן ווי אַ פֿאַרסמטער איבער דער שטוב זוכנדיק עפּעס צו נעמען אין מויל אַרייַן.

די יונגע פּויערטע איז צוגעגאַנגען צו אַ שענקל, אַרויסגענומען אַ האַלב ברייטל און אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש. "נעמען זי פּלאַץ, מײַנע הערען," האָט זי שוין דרײַסט געזאָגט. אָבער דער באַוואַקסענער האָט אַ כאַפּ געגעבן דאָס ברויט, און ווען איך כאַפּ אים נישט אָן בײַ דער האַנט, וואָלט ער אַלץ געווען אַליין אַרײַנגעשטופּט. די יונגע פּויערטע האָט אויף אונדז געקוקט, אַזוי ווי זי וואָלט דאָס ערשטע מאָל אין לעבן געזען מענטשן עסן ברויט. זי איז ווידער צוגעגאַנגען צום שענק און אַראָפּגענומען אַ גרויסן טאָפּ מיט מילך און אָפּגעשעפּט פֿאַר יעדן איינעם אַ טעפּל מילך. "מאָלאָקאָ!!! -- האָט מישאַ אַ פֿאַרוווּנדערטער אויסגערופֿן. און מיר האָבן אויסגעטרונקען מיט איין צי, יעדער איינער אַ טעפּעלע מיט מילך. "אוי", האָט מישאַ געהאַלטן אין איין רימען די מילך: "מילך גוט! מילך גוט! באַרישניאַ, דאַוויַ סיודאַ!" (פֿריילין, גיב אַהער), און די יונגע פּויערטע האָט פֿאַרשטאַנען. זי האָט פֿאַר אונדז נאָך אַ מאָל אָנגעשעפּט צו טעפּעלעך מילך, ביז ס'איז איר מער גאָרנישט איבערגעבליבן אינעם טאָפּ. מיט אַ מאָל האָט מישאַ אויסגעבראָכן אין אַ הילכיק געלעכטער.

"האַ, האַ, האַ, -- האָט ער מאָדנע געלאַכט -- זעסט?! זעסט דאָרטן! דאָרטן!" און געוויזן מיטן פֿינגער אין צווייטן צימער אַרײַן אויף אַ גרויסן שפּיגל אײַנגערעמט אין אַ גרויסער שאַנק.

"דאָס בין איך?" -- האָט ער זיך געוווּנדערט, נישט גלייבנדיק זײַנע אייגענע אויגן -- איך? מישאַ מעדוויעד? (מישאַ דער בער?), אוי, זע נאָר! זע נאָר!" -- און ער איז צוגעלאָפֿן צום שפּיגל, רופֿנדיק ווי אַ קינד: "דאָס -- איך!? אי-אי-אי-ך?! און דאָס דו! זעסט?! דאָס דו! דו!!!"

ווען כ'האָב זיך דערזען אינעם שפּיגל האָב איך אויך אַרויסגעלאָזט אַ מאָדנע היסטעריש געלעכטער. ביידע זענען מיר געשטאַנען פֿאַרן גרויסן שפּיגל, דער לאַנגער האַלב-נאַקעטער באַוואַקסענער מישאַ און איך, דער קליינער יעקבֿ, און געהאַלטן אין איין לאַכן פֿון זיך, אַז די טרערן זענען אַזש גערונען. דאָס ערשטע מאָל נאָך דרײַ יאָר אין לאַגער, וואָס איך האָב זיך אָנגעקוקט אין אַ שפּיגל. ביז דער באַוואַקסענער מישאַ האָט אַ זעץ געגעבן מיט זײַן פֿאַרדאַרטער פֿויסט אינעם שפּיגל אַרײַן, וואָס איז זיך צעפֿאַלן אויף שטיק

שטיקלעך און מיר זענען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. איצט האָט יעדער איינער מיט זיך געפֿירט דעם גרעסטן אוצר וואָס אַ קאַצעטניק קען נאָר פֿאַרמאָגן: -- ברויט, שטיקלעך ברויט, צוזאַמענגעשנאָרט בײַ די פּויערטעס אין דאָרף.

ווּהין גייט מען? ווּהין גייט אַ פֿאַרלאָזטער קאַצעטניק? פֿאַרשטייט זיך, צוריק אין קאַצעט אַרײַן, דאָס מאָל צוריק צום טראַנספּאָרט, -- דאָרטן איז נאָך אַלץ צום זיכערסטן. דאָ, אויף דער פֿרײַהייט כּלומרשט, קאָן מען אונדז אין יעדער רגע דערווישן און דערשיסן. יעדער לעבעדיק באַשעפֿעניש, וואָס גייט נאָר אויף צוויי און האָט בצים אין די הויזן, איז דאָ בעל-הבית איבער אונדזער לעבן. אונדזער גרויס מזל איז וואָס אַזעלכע באַשעפֿענישן, כ'מיין די דײַטשע מענער, ליגן אַלע אײַנגעלייגט אויף די פֿראָנטן, צי גאָר אין געפֿאַנגענשאַפֿט און דער גאַנצער שטח איז "דײַטשענריין", יעדן פֿאַלס, פֿון דײַטשע מענער. בלויז פֿון דער ווײַטנס זעען מיר אויפֿן וועגן פֿאָרן, ווי געהאַרגעט צו ווערן, רעשטלעך דײַטשע סאָלדאַטן. אַלץ צילט אין איין ריכטונג מיט אַזאַ שנעלקייט, ווי דער טײַוול וואָלט זיי נאָכגייאָגט. די סאָלדאַטן טראָגן ווײַסע אַרעמבענדער, און אויף די אויטאָס פֿלאַקערן ווײַסע פֿענער, אָדער ווײַסע שמאַטעס, וואָס זעען אויס ווי פֿענער.

"עפּעס געשעט דאָ" -- האָב איך זיך אָנגערופֿן.

"יאָ, עפּעס געשעט!" -- האָט מײַן באַוואַקסענער 'קאַמעראַד' נאָכגעזאָגט. מיר האָבן נאָך רעכט נישט געהאַט באַוויזן זיך גוט אומצוקוקן, ווי מיר האָבן מיט אַ מאָל דערזען אַ קליין איבערגעשראָקן שייגעצל לויפֿן דורך די פֿעלדער פֿונעם שטעטל גלײַך אין דאָרף אַרײַן, האַלטנדיק אין איין רופֿן: "די רוסען זינד דאַ! די רוסען זינד דאַ!"

"הערסט? -- זאָגט מישאַ צו מיר -- נאַשי! (אונדזערע) זענען דאָ! נאַשאַ קראַסנײַאַ אַרמיִאַ!!! (אונדזער רויטע אַרמיי) -- און כאַפּט מיך אַרום מיט די לאַנגע באַוואַקסענע הענט און קושט מיך, טאַנצט און קושט מיך, -- פּאָניעמײַעש?! פֿאַרשטייסט? ברודער מײַנער, פֿאַרשטייסט?! מיר זענען פֿרײַ! באַפֿרײַט!!! סוואָבאָדני!!! סוואָבאָדני!!!" -- האָט ער אָנגעהויבן רופֿן אויף אַלע קולות,

פֿאָכנדיק מיט די הענט אין דער הייך. „סוואָ-באָ-דני!!! פֿרײַ!!!״ -- האָב איך אויך אָנגעהויבן רופֿן און האָב אויסגעבראָכן אין אַ פֿאַרטריקנט געוויין פֿון אַ קאַצעטניק, אָן טרערן ... מיר גיבן זיך די הענט ווי צוויי קליינע קינדער און הייבן אָן צו לויפֿן מיט אונדזערע לעצטע כּוחות אין שטעטל אַרײַן.

עטלעכע שעה שפּעטער נאָך מײַן באַפֿרײַונג בין איך שוין געשלאָפֿן אין דעם שיינעם מיידלס אָרעמס. און אַזוי ווי איך האַלט נאָך אין איין שלאָפֿן קאָן איך דערווײַלע דערציילן, ווי כ'האָב שוין פֿריִער צוגעזאָגט, וועגן דעם סוף פֿון איר פֿאָטער, נאָך דעם ווי מיר ווייסן שוין, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט איר מוטער.

ווען מיר האָבן זיך אַרײַנגעריסן אינעם הויז פֿון מיידל, האָבן מיר דאָרטן געטראָפֿן אַ מאַן מיט אַ פֿרוי ליגן אין בעט. באַלד איז דער מאַן, איר פֿאָטער, געפֿלויגן דורכן פֿענסטער פֿון פֿערטן שטאָק. די פֿיר אַרמייערס האָבן אים פּשוט אָנגעכאַפּט בײַ די הענט און פֿיס און אים אַרויסגעוואָרפֿן, ווי מען וואַרפֿט אַרויס אַ חפֿץ וואָס איז מער נישט נייטיק. דער מאַן האָט בכּלל נישט רעאַגירט, אַזוי ווי ער וואָלט גאָר געוואַרט אויף דעם.

נאָר אַ טרוקענער זעץ האָט זיך געהערט, ווי אַ זאַק מיט קאַרטאָפֿל וואָלט אַראָפּגעפֿאַלן און נישט קיין מענטש. די פֿרוי זײַנע איז אַזוי איבערראַשט געוואָרן פֿון דעם אומדערוואַרטן אַקט, אַז זי האָט אפֿילו קיין פּיפּס נישט אַרויסגעלאָזט פֿון איר מויל. בלויז אירע צוויי גרויסע שיינע אויגן האָבן זיך נאָך מער צעעפֿנט. זי איז פּשוט פֿאַרטויבט געוואָרן, ווי מען פֿאַרטויבט אַ בהמה מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ איידער מען קוילעט זי. אַלץ איז צוגעגאַנגען מיט אַזאַ שטילקייט און פּרעציזקייט, ווי יעדער איינער וואָלט געקענט זײַן ראָלע פֿון פֿאָרויס. אפֿילו וואַניאַ, ווי אויך די אַנדערע אַרמייערס, האָבן דאָס מאָל קיין וואָרט, קיין קללה נישט אַרויסגעבראַכט אויף זייערע ליפּן. אָן אַ וואָרט האָט די פֿרוי אויפֿגעהויבן איר ראָז זײַדן נאַכטהעמד און צעשפּרייט די פֿיס ... ערשט דעמאָלט האָט זי איבערגעריסן די שטילקייט און געשעפּטשעט, בעטנדיק זיך: „מאַכען זי אַלעס וואַס זי פֿערלאַנגען, מײַנע הערן, אַבער ביטע, שענקען זי מיר דאַס לעבען, שענקען זי מיר דאַס לעבען ...״

איך בין געוואָרן אַזוי איבערראַשט פֿון דעם מעמד, אַז ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, ווי עפּעס אַ הייליקע צערעמאָניע קומט דאָ פֿאָר אין אַ פּאַרצייַטישן טעמפּל. גאַנץ שטיל, ווי כ׳וואָלט מורא געהאַט צו צעשטערן די שטילקייט, האָב איך אָנגעהויבן צו רעדן צו דער פֿרוי, ווי אויפֿן אויער: ״האַבען זי קיין אַנגסט, קיין אַנגסט.״ איך האָב גרויס רחמנות באַקומען אויף דער פֿרוי און זי געוואָלט טרייסטן. אויף אירע געשניצטע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ לייַכטער שמייכל פֿון דאַנקשאַפֿט, ווי זי וואָלט טאַקע געוואָלט גלייבן, אַז אַזוי וועט זייַן. אָבער אַנדערש האָט זיך די זאַך אָפּגעשפּילט ...

ווען איך האָב אויפֿגעמאַכט מייַנע אויגן איז אין דרויסן געווען פֿולער טאָג. די זון האָט שטראַלנדיק אַרייַנגעשייַנט דורכן פֿענצטער. דאָס מיידל איז אָבער מער נישט געווען, אויך וואַניאַ איז מער נישט געווען, נאָר דער אויפֿגעריסענער קערפּער פֿון דעם מיידלס מוטער איז געלעגן אויפֿן בעט אין צווייטן צימער. ווען כ׳בין אַרויס פֿון הויז האָב איך באַמערקט דעם פֿאָטער ליגן אויסגעצויגן אויף דר׳ערד, ווי ער וואָלט רויִק געשלאָפֿן. אַ קופּע מיט פֿליגן איז געווען פֿאַרזאַמלט אויף זייַן פּנים. איך האָב אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און בין געגאַנגען ווייַטער.

די פּרימאָרגנדיקע זון פֿון דעם 9טן מייַ 1945 האָט מילד געוואַרעמט מייַן אויסגעדאַרטן גוף. גייענדיק האָב איך זיך יעדער מינוט אומגעקוקט הינטער זיך, נישט גלייבנדיק די פֿאַנטאַסטישעווירקלעכקייט, אַז איך בין פֿרייַ. ווידער אַ מאָל און ווידער אַ מאָל האָב איך מיך אויסגעדרייט, פֿעסטצושטעלן צי קיין וואַכמאַן גייט נישט הינטער מיר, און טראָץ מייַנע קראַנקע געשוואָלענע פֿיס האָב איך אָנגעהויבן צו לויפֿן וואָס אַ מאָל שנעלער און שנעלער מיט אַן איבערנאַטירלעכן כּוח, צו לויפֿן אין דער פֿרייַהייט, אין אַ באַפֿרייַטער וועלט ...

זעקסטער טייל

״היי! וואָס האָסטו זיך אַזוי פֿאַרגאַפֿיעט?״ -- האָב איך דערהערט וואַניאַס לאַכנדיקע שטים און דערזען פֿאַר מיר שטיין דעם קעלנער.

יאָ, וואַניאַ איז דאָס! דער זעלבער וואַניאַ מיטן זעלבן ווילדן געלעכטער וואָס דענטוסמאָל, נאָך מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער.

ער האָט מיך האַרציק אַרומגענומען, ווי ער וואָלט צוריקגעפֿונען אַן אַלטן גוטן ברודער: "איך וואָלט דיך אין לעבן נישט דערקענט! דו ביסט דאָך אין גאַנצן פֿליכטוואַטע געוואָרן! דענטוסמאָל, נאָך אַ קליין ייִנגל געווען, און היינט שוין פֿליכטוואַטע? הער, קליינער, אוי, אַנטשולדיק מיר, אָבער ווי רופֿט מען דיך?"

"דו קענסט מיך רופֿן קליינער, ווי אַ מאָל, אָדער קליינער פּאָליאַק, אפֿילו קליינער זשידליאַק, ווי דו ווילסט, ס'מאַכט נישט אויס."

וואַניאַ האָט אויף מיר אַ שאַרפֿן קוק געטאָן און געזאָגט: "נו, הער שוין אויף! ס'איז דאָך געווען דענטוסמאָל ... אָבער זאָל זײַן ווי דו ווילסט. אַלזאָ, הער, אין אַ צוואַנציק מינוט אַרום פֿאַרענדיק איך די אַרבעט און מיר וועלן זיך מער קענען אַדורכשמועסן. כ'וועל באַלד אָנקלינגען אַהיים צו מײַן פֿרוי, אַז איך ברענג מיט זיך מיט אַ גאַסט צום אָוונטברויט, זי וועט זיך באַשטימט זייער פֿרייען."

אויפֿן וועג אַהיים זענען מיר געגאַנגען צו פֿוס. וואַניאַ האָט געהאַלטן אין איין דערציילן וועגן דער מלחמה, וועגן זײַן היים אין אוקראַיִנע, וועגן זײַנע קינדער-יאָרן. "נו, זאָג שוין, ווי דו הייסט? כ'וועל דיך נאָך נישט פֿאָרשטעלן פֿאַר מײַן פֿרוי און טאָכטער: אָט איז דער קליינער!"

"גוט, וואַניאַ, רוף מיך יעקבֿ."

"אַזוי -- פֿאַרשטיי איך. דו האָסט אַ נאָמען! טאָ הער, יעקבֿ: כ'דערמאָן זיך, ווען איך בין אַוועק פֿון צימער מיט דעם מיידל, ביסטו האַרט געשלאָפֿן, פֿאַרשטייט זיך, נאָך יאָרן אין לאַגער ביסטו ס'ערשטע מאָל געשלאָפֿן אין אַ בעט, און וואָס פֿאַר אַ בעט! עס דאַכט זיך מיר, ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן געווען, ווי כ'האָב דיך צוגעדעקט מיט דעם וואַרעמען דײַטשן בעטגעוואַנט און בין אַוועק מיט איר. ווי דו זעסט, האָב איך זי געשפּאָרט, נישט פֿאַרטיק געמאַכט, ווי די אַנדערע ... נו, דו ווייסט דאָך יאָ וואָס איך פֿלעג מיט זיי מאַכן ... אָבער דאָס איז געווען דענטוסמאָל אין דער מלחמה-צײַט. פֿאַרשטיי, לאָמיר רעדן אָפֿן, -- האָט דער אוקראַיִנער פּרובירט מיך איבערצײַגן -- ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן בין איך נאָך געווען אַ סמאַרקאַטש, קוים אַכצן יאָר אַלט. כ'בין אַרײַן, ווי מ'זאָגט, פֿרײַוויליק אין דער רויטער אַרמיי. אָבער איך האָב געהאַט

מער מזל ווי שׂכל און מ׳האָט מיך אויפֿן פֿראָנט גלײַך נישט אַוועקגעשיקט. כ׳בין געבליבן אין קיִעוו אויפֿן פּונקטפּלאַטז פֿון וואַנען מ׳האָט אונדז געדאַרפֿט ערשט שפּעטער אָפּשיקן אויפֿן פֿראָנט. אָבער איידער וואָס ווען, איידער האָסט נאָך צײַט געהאַט זיך אויסצולערנען אַ שאָס צו געבן, זענען שוין די דײַטשן געשטאַנען הינטער דער שטאָט, וואָס איז געווען כּמעט אַרומגערינגלט פֿון אַלע זײַטן. עס האָט געהייסן, אַז ס׳איז זייער שלעכט און ביטער, אָבער, דעם אמת געזאָגט, איז צווישן אונדז, אוקראַיִנישע סאָלדאַטן, נישט געווען אַזוי ביטער אויפֿן האַרצן, ווי מ׳האָט געמיינט. פּונקט פֿאַרקערט. אַ חבֿר מײַנער, אַ סאָלדאַט, האָט אַ מאָל אין געהיים מיטגעבראַכט מיט זיך אין דער קאַזאַרמע אַרײַן אַ פֿלוגבלעטל, וואָס די דײַטשן האָבן אַראָפּגעוואָרפֿן איבער דער שטאָט און עס איז געווען געשריבן שוואַרץ אויף ווײַס, אַז סטאַלין איז שוין קאַפּוט און אַז אוקראַיִנע ווערט באַפֿרײַט פֿון די קאָמוניסטן און ייִדן ... הכּלל, וואָס זאָל איך דיר זאָגן, אַז אַזוי ווי ס׳איז כּלומרשט געווען שלעכט, האָב איך גאָר געפֿילט אַז ס׳איז גוט, אַז די דײַטשן וועלן אונדז אין קורצן טאַקע באַפֿרײַען פֿון די קאָמוניסטן און פֿון די ... נו, וואָס האָסטו זיך אָפּגעשטעלט? כ׳מיין דאָך נישט דיך! אָ, זײַ נישט אַזוי נאַריש ווי אַלע אײַעריקע! איין וואָרט און אַלץ קאָכט אין אײַך, ווי אין אַ קעסל ... איך וועל דיר זאָגן דעם ריינעם אמת: דאָס איז דערפֿאַר וואָס איר ייִדן זענט נישט פֿעיִק נקמה צו נעמען ... געלט זענט איר פֿעיִק צו נעמען, ׳ווידערגוטמאַכונג!׳ אָבער נישט קיין נקמה! אַז מען נעמט נקמה ווערט מען רויִקער!״

״נו, וואַניאַ, פֿאָרויס, דערצייל ווײַטער!״ -- האָט איצט אין מיר טאַקע אַלץ געקאָכט, ווי אין אַ קעסל...

״נו, ווו האָב איך זיך אָפּגעשטעלט? ... אַ יאָ,״ -- האָט וואַניאַ ווײַטער דערציילט -- אין מיטן דעם גאַנצן געטומל האָב איך מיר געטראַכט: וואַניאַ, וואָס טויג דיר די גאַנצע חתונה? צו וואָס טויג דיר דאָ צו בלײַבן אין קיִעוו און אַרײַנפֿאַלן אין פּלען אַרײַן? בעסער הייב די פֿיס און צי וואָס שנעלער! די דײַטשן וועלן סײַ ווי סײַ דאָ אין קורצן זײַן.

און אַזוי איז טאַקע געווען. איך האָב זיך אין אַ שיינער פֿינצטערער נאַכט אויפֿגעהויבן און בין אַהיים געגאַנגען. ס׳איז נישט געווען ווײַט ... בלויז אַ גאַנצע נאַכט צו פֿוס ביז צו מײַן דאָרף. וואָס זאָג איך

דאָרף? אין גאַנצן איז דאָס געווען אַ קליינער ייִשובֿ, פֿון אַ צוואַנציק כאַלופּעס, אַ צוויי וויאָרסט פֿונעם קאָלכאָז. איך בין אַרויף אויפֿן בוידעם פֿון אונדזער כאַלופּע, זיך אײַנגעקאָפּעט אינעם היי און מיט זעקס טעג שפּעטער זענען שוין די דײַטשן געווען אין קיִעוו. ווען כ׳בין אַראָפּ פֿונעם באַהעלטעניש, וואָס מיינסטו האָבן מײַנע אויגן געזען? - - אַז איך בין נישט דער איינציקער, עס זענען נאָך געווען יאָלדן ווי איך, וואָס האָבן זיך צוריקגעצויגן פֿון די רויטע. הכּלל, וואָס זאָל איך דיר זאָגן, מײַן פֿרײַנד, עס האָבן זיך אָנגעהויבן נײַע צײַטן מיט אַ נײַער אָרדענונג. קיין גן-עדן איז נאָך ווײַט נישט געווען, אָבער מ׳האָט גערעדט און געהאָפֿט, אַז ס׳וועט זײַן בעסער, ווי נאָר די מלחמה וועט זיך פֿאַרענדיקן. דערווײַלע זענען געווען אויפֿרופֿן צו דער יוגנט אַז מ׳זאָל זיך פֿרײַוויליק מעלדן צו העלפֿן פֿאַרניכטן דעם געמיינזאַמען שׂונא.

כ׳האָב מיך געמאָלדן געגנוי ווי אַ סך אַנדערע יונגע אוקראַיִנער האָבן דאָס געטאָן. און שטעל דיך פֿאָר, איך בין צוריק אַרײַן אין דער זעלבער קאַזאַרמע אין קיִעוו, וווּ כ׳בין שוין פֿריִער געווען. דערווײַלע האָבן מיר געהאָלפֿן די דײַטשן צו מאַכן אַ ביסל אָרדענונג אויפֿן פּלאַץ. כ׳מיין מיט די רויטע און מיט די ...”

וואַניאַ האָט מיט אַ מאָל אָפּגעהאַקט זײַנע ווערטער.

”יאָ, וואַניאַ, איך פֿאַרשטיי וואָס דו מיינסט, -- באַבי-יאַר ... ”

”קוק, קליינער! אַ, אַנטשולדיק, יעקבֿ. פֿאַרשטיי, ס׳איז דאָך געווען דענטסמאָל, אין דער מלחמה-צײַט. איך בין געווען זייער יונג און די פּראָפּאַגאַנדע זייער גרויס. פֿאַרגעס נישט, כ׳בין קוים אַלט געווען אַכצן יאָר, אַ סמאַרקאַטש, ווי איך האָב דיר שוין געזאָגט, געגלייבט אין שיינע ווערטער, אין שיינע אידעאַלן וועגן אַ פֿרײַער אוקראַיִנע ... אַלע האָבן וועגן דעם גערעדט, אויך דער פּאָפּ אין דער צערקווע האָט דאָס געפּריידיקט. ער האָט געזאָגט, אַז די דײַטשן זענען אונדזערע באַפֿרײַערס, אַז מיר זענען די האָפֿענונג, די צוקונפֿט פֿון אַ באַפֿרײַטער אוקראַיִנע, אַז מיר זענען גרויסע אידעאַליסטן, העלדן, פּאַטריאָטן, וואָס קעמפֿן קעגן די טײַוולאָנישע אַפּיקורסים, אַז מיר, די פֿרײַוויליקע, זענען די איינציקע רעטערס פֿונעם פּראַוואָסלאַווישן גלויבן, פֿון דעם גאַנצן קריסטנטום ...”

״פֿאַרשטייסט?! -- האָט וואַניאַ געהויבן זײַן קול -- אַזוי דאַרף מען דאָס זען און פֿאַרשטיין! דו קענסט מיך נישט סתּם אַזוי באַשולדיקן. נישט איך, דער פויערן-זון פֿון אַ קאָלכאָזניק האָט וועגן אַזעלכע גרויסע זאַכן דעצידירט. עס זענען געווען וויכטיקע מענטשן, פערזענלעכקייטן, געלערנטע, פּראָפֿעסאָרן, גענעראַלן, פּאָפּן, ביסקופּן, וואָס האָבן וועגן די זאַכן דעצידירט, געפּריידיקט, פּראָפּאַגאַנדירט.״

וואַניאַ איז פּלוצלינג שטיל געבליבן, אַ פֿאַרקלערטער. מיר זענען געגאַנגען שווײַגנדיק איבער די רוישנדיקע באַלויכטענע בערלינער גאַסן, יעדער איינער אַרײַנגעטאָן אין זײַנע זכרונות. ס׳האָט אויסגעזען ווי קיינער פֿון אונדז וויל מער וועגן דעם נישט רעדן. איך האָב מיט אַ זײַטיקן בליק דערזען דעם קרעפֿטיקן מאַן לעבן מיר, ווי מײַנס אַ שאָטן, ווי ער וואָלט מיט אַ מאָל אײַנגעשרומפּט געוואָרן. זײַן אַטלעטיש קרעפּקע פֿיגור איז געווען אײַנגעבויגן פֿאָרויס, זײַנע ברייטע פּלייצעס אײַנגעהויקערט, ווי בײַ אַן אַלטן מאַן, און זײַנע קינבאַקן אײַנגעפֿאַלן. אַ מאָדנעם מיטלייד האָב איך דערפֿילט צו דעם גאַנצן סילועט, אַ מיטלייד, ווי צו אַן אַלטן אומבאַהאָלפֿענעם מאַן, וועמען מען דאַרף אויסשטרעקן אַ האַנט אַדורכצופֿירן דעם וועג. ס׳האָט מיך עפּעס געצוקט בײַם האַרצן, גערייצט פֿון אַן אויסערגעוויינלעכער נײַגעריקייט, און כ׳האָב איבערגעהאַקט די פֿײַנלעכע שטילקייט:

״נו, וואַניאַ, פֿאָרויס, דערצייל ווײַטער!״ איך האָב פּרובירט אים צוגעבן מוט. כ׳האָב פּלוצלינג דערפֿילט זײַן שווערע וואַרעמע האַנט אויף מײַנע אַקסעלן. מיר זענען שטיין געבליבן און זיך אָנגעקוקט ווי אַ פֿאַרליבט פּאָרל, וואָס האָט זיך נאָר וואָס געטראָפֿן. ער האָט מיך אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און אויסגערופֿן:

״זאָל די גאַנצע וועלט פֿאַרברענט ווערן, פֿאַרסאַרפֿענען! מיר זענען ברידער! כ׳זע, יעקבֿ , אַז דו האָסט ליב מיך אויסצוהערן און דאָס איז גוט! אָבער קודם וויש דיר אָפּ דעם שווייס פֿון שטערן, ביסט דאָך אין גאַנצן נאַס, קענסט דיך נאָך פֿאַרקילן -- און ער האָט ווײַטער דערציילט -- נאָך אַ צײַט האָט מען אונדז, פֿרײַוויליקע, אַוועקגעשיקט קיין פּוילן. אין פּוילן איז דעמאָלט געווען זייער גוט, צו פֿרעסן און צו טרינקען ביז איבערן קאָפּ, אויך נקבֿות האָבן נישט

געפּעלט. מיר פֿלעגן אַהיים שיקן פּעקלעך פֿון אַל דאָס גוטס צו אונדזערע משפּחות קיין אוקראַיִנע און, פֿאַרשטייט זיך, געהאָפֿט, אַז די מלחמה וועט זיך אין קורצן פֿאַרענדיקן, ווי נאָר סטאַלין וועט זײַן פֿאַרטיק, קאַפּוט. נאָך עלף חדושים אָפּזײַן אין פּוילן האָבן מיר באַקומען אורלויב אויף צוויי וואָכן. מיר האָבען גענומען דעם צוג פֿון קראָקע קיין לוואָוו און פֿון דאָרט קיין קיִעוו.

״פֿון קראָקע? -- האָב איך אים איבערגעהאַקט -- דו ביסט געווען אין קראָקע?״

״און נאָך ווי! איך קען קראָקע ווי מײַן אייגענע האַנט. וואָס, דו ביסט אַ קראָקעווער?״

״ניין, איך בין פֿון אַ שטעטל נישט ווײַט פֿון קראָקע, אָבער ווען איך האָב זיך געראַטעוועט פֿון דער אַקציע, זומער 42, האָב איך אַ קורצע צײַט געלעבט אין קראָקעווער געטאָ.״

״אויב אַזוי, -- איז וואַניאַ אויסגעבראָכן מיט זײַן באַקאַנטן הילכיקן, ווילדן געלעכטער -- אויב אַזוי האָב איך דיך נישט בלויז באַפֿרײַט, נאָר אויך גוט באַוואַכט! איך בין דאָך דאָרטן געווען אַ 'ווערקשוץ', אַ שוואַרצער, ווי מ׳האָט אונדז גערופֿן, און באַוואַכט די ייִדן פֿון געטאָ, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט אויף די באַושטעלן.״

״צי דו האָסט מיך אַזוי גוט באַוואַכט, בין איך נישט אַזוי זיכער, הער וואַכמאַן״ -- האָב איך זיך אָנגעהויבן צו רייצען מיטן אוקראַיִנער, -- איך פֿלעג מיך דאָך פֿון צײַט צו צײַט אַרויסשמוגלען פֿון געטאָ אויף דער אַרישער זײַט מיט מײַן קוזין מאָניעק עפּעס צו אָרגאַניזירן און בײַ נאַכט, ווען ס׳איז געוואָרן פֿינצטער, צוריק זיך אַרײַנגעשמוגלט אין געטאָ אַרײַן מיט איינער פֿון די גרופּעס אַרבעטערס וואָס דו האָסט אַזוי גוט באַוואַכט״ ...

אַזוי? -- האָט זיך וואַניאַ געוווּנדערט האַלב אין שפּאַס, האַלב ערנסט, ווי ער וואָלט זיך טאַקע געפֿילט אָפּגענאַרט -- און וואָס האָט איר אַזוינס אַרײַנגעשמוגלט אין געטאָ אַרײַן?״

„וואָס הייסט, וואָס? וואָס ס'האָט זיך געלאָזט! למשל, פּולע קעשענעס מיט קאַרטאָפּל, ציבעלעס, אַ ברייטל און אַז מע האָט געהאַט מזל, אויך אַ שלענגל קראַקאָווסקע קעלבאַסע."

„וואָס? קראַקאָווסקע קעלבאַסע האָסטו געזאָגט? האָסטו טאַקע געהאַט מזל, וואָס כ'האָב דיך נישט געפּאַקט ביי דער האַנט, איך וואָלט ביי דיר גלייך צוגענומען די קעלבאַסע! ס'איז דאָך נישטאָ עפּעס בעסערס ווי אַ פֿערטעלע וואָדקע מיט אַן איבערבייס פֿון קראַקאָווסקע קעלבאַסע!"

„איך בין זיכער, וואַניאַ, אַז נישט בלויז די קעלבאַסע וואָלטוסטו ביי מיר צוגענומען, נאָר אויך דאָס לעבן. דו ווייסט גאַנץ גוט, וויפֿל אַזעלכע ווי איך האָבן דענטסמאָל באַצאָלט מיטן לעבן פֿאַר אַזאַ מין שמוגל ..."

„נו, הער שוין אויף, צו אַל די רוחות! פֿאַרשטייסט נאָך אַלץ נישט, אַז ס'איז געווען דענטסמאָל גאַנץ אַנדערע צייטן, גאַנץ אַנדערע אומשטאַנדן."

„יאָ, וואַניאַ, כ'וואָלט זייער געוואָלט פֿאַרשטיין, אָבער כ'פֿאַרשטיי ליידער נישט."

„דו פֿאַרשטייסט נישט, ווייל דו ווילסט נישט פֿאַרשטיין! אָדער ביסט צו שוואַך צו פֿאַרשטיין! יאָ, ווּ האָב איך מיך אָפּגעשטעלט?"

דו שפּרינגסט מיר יעדער מינוט אַריין אין מיטן און לאָזט מיך נישט רעדן," -- האָט זיך וואַניאַ אויפֿגערעגט.

„אַנטשולדיק, וואַניאַ, פֿאָר ווייטער."

„אַ, יאָ, כ'ווייס שוין ווּ כ'בין. אַלזאָ, מיר האָבן גענומען די באַן פֿון קראָקע קיין לוואָוו און פֿון דאָרטן קיין קיִעוו. מיר האָבן פֿאַרנומען כמעט אַ האַלבע באַן מיט וואַגאָנען און ס'איז געווען פֿריילעך. מיר האָבן געטרונקען, געזונגען דעם גאַנצן וועג אַהיים און די האַרמאָשקע האָט נישט אויפֿגעהערט צו שפּילן. יעדער איינער האָט מיט זיך געפֿירט פּעקלעך, מתּנות פֿאַר זיין פֿאַמיליע. איך האָב מיט זיך געפֿירט צוויי גרויסע אויפֿגעשוואָלענע וואַליזעס מיט אַ גרויסן

אָנגעשטאָפּטן רוקזאַק פֿון אַלעם גוטן. קליידער פֿאַר מײַן מאַמען, פֿאַר מײַן שוועסטערל גאַלינאַ און אַן אָנצוג מיט אַ פּאָר קערזאָווע שטיוול פֿאַרן טאַטן. הכּלל, וואָס זאָל איך דיר זאָגן, עס איז געווען פֿריילעך אויפֿן האַרצן טראָץ דער מלחמה, און ווי איך האָב דיר שוין געזאָגט, בין איך געווען זייער יונג, מיט אַ סך האָפֿענונג און געווען זיכער, אַז די מלחמה גייט צו אַן ענדע. ווי גרויס איז אָבער געווען מײַן בראָך, מײַן חורבן!

ווען כ'בין אַהיים געקומען אין מײַן דאָרף אַרײַן, האָב איך דאָרטן גאָרנישט מער געטראָפֿן ווי גרוזעס מיט פֿאַרברענטע שטיינער. אין אָנהייב האָב איך געמיינט, אַז כ'האָב זיך פּשוט פֿאַרבלאָנדזשעט, אַז דער טײַוול האָט מיך פֿאַרפֿירט.

ליידער האָב איך נישט געהאַט פֿאַרבלאָנדזשעט און קיינער האָט מיך נישט געהאַט פֿאַרפֿירט. דאָס האָבן די דײַטשן, פֿראָסט און פּשוט, אויסגעקוילעט אַלע מענטשן און פֿאַרברענט דאָס גאַנצע דאָרף, די הײַזער מיט די מענטשן צוזאַמען, פֿרויען און קינדער, גענוי געמאַכט מיט זיי ווי מיט די ייִדן. פֿון אונדזער הויז איז נישט געבליבן קיין זכר. קיין איינער איז נישט אַרויס קיין לעבעדיקער, קיין איינער נישט! און פֿאַר וואָס? ווײַל עטלעכע פּאַרטיזאַנערס האָבן זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן אין איינער פֿון די כאַלופּעס.

שטעל דיר פֿאָר, איך, איוואַן סטעפּאַנאָוויטש, דין זיי, די דײַטשן, פֿרײַוויליק, געטרײַ ווי אַ הונט, און זיי נעמען און קוילען אויס מײַנע טײַערסטע, מײַן גאַנצע משפּחה און פֿאַרברענען מײַן הויז. וואָס זענען מיר דען, ייִדן? קאָמוניסטן? נו זאָג אַלײַן, יעקבֿ! ביסט דאָך נישט קיין נאַר! זאָג! וואָס איז מײַן מאַמע, מײַן טאַטע, מײַן קליין שוועסטערל גאַלינאַ געווען שולדיק, אַז עטלעכע פּאַרטיזאַנערס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין איינער פֿון די כאַלופּעס? איך בין פּשוט אַראָפּ פֿון זינען, משוגע געוואָרן.

"דרײַ טעג מיט דרײַ נעכט בין איך געלעגן אויף די חורבֿות פֿון אונדזער פֿאַרברענט הויז, געקלאָגט, געוויינט, געוואָלט זיך אומברענגען פֿון צער, פֿון ווייטיק, פֿון חרפּה."

"אַ טויט די גערמאַנצעס! -- האָב איך דעם פֿערטן טאָג אין דער פֿרי, פֿאַרסמאַליעט, אויסגעהונגערט, אויסגעקלאָגט, באַשלאָסן. כ'בין

אַרײַן אין וואַלד און געזוכט די פּאַרטיזאַנערס. צו ערשט בין איך נאָך אַרײַן אין קאָלכאָז, פֿאַרטיק געמאַכט דעם וועכטער און צוגענומען דאָס געווער בײַ אים. פֿאַרגעס נישט, אַז די פּאַרטיזאַנערס האָבן דענטולסמאָל צום ליבסטן אַרײַנגענומען מענטשן מיט געווער אין האַנט.

״נאָך עטלעכע טעג וואַלגערן זיך אין וואַלד האָב איך אויף זיי אָנגעטראָפֿן. איך האָב זיי אַלץ דערציילט, דעם גאַנצן אמת. צווייטנס -- זיי האָבן דאָך אַלץ אַליין געזען, איך האָב דאָך נאָך אויף זיך געטראָגן דעם שוואַרצן מונדיר מיטן טויטנקאָפּ. כ׳האָב זיי, פּשוט, געזאָגט, אַז איך וויל נקמה נעמען אין די דײַטשן און אַז מײַן לעבן איז מיר נישט וויכטיק. פֿון אָנהייב זענען זיי מיר חושד געווען, אַז איך בין אַ שפּיִאָן און געוואָלט מיך אַוועקלייגן. אָבער באַלד זענען זיי אַלץ געוויר געוואָרן און ס׳האָט אַלץ געשטימט. דאָך זענען צווישן זיי געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מ׳דאַרף מיך גלײַך דערשיסן. מײַן מזל איז אָבער געווען, וואָס איינער פֿון די אָנפֿירערס פֿון די פּאַרטיזאַנערס, אַ פּאָליטישער קאָמיסאַר, אַ מײַאָר מיטן נאָמען מייער מייעראָוויטש, אַ ייִד פֿון פּאָלטאַווע, איז געווען דערפֿאַר, אַז מ׳זאָל מיך דערוויַילע נישט שטעלן פֿאַר אַ געריכט. עס זענען איצט נייטיק מענטשן, האָט ער געטענהט, און די אַלע חטאָיִם וועלן אָפּגערעכנט ווערן נאָכן נצחון. אין יעדן פֿאַל, האָט ער געגעבן צו פֿאַרשטיין, וועט ער בײַ דער ערשטער געלייגנהייט אַוועקשיקן אַ דין-וחשבון קיין מאָסקווע וועגן מײַן ענין און הערן וואָס מ׳וועט באַפֿעלן.״

״דערוויַילע האָט מען מיך געשיקט, וואָס הייסט ׳געשיקט׳? איך בין דאָך פֿרײַוויליק אומעטום אַליין געלאָפֿן אויף די געפֿערלעכסטע פּלעצער און אויסגעפֿירט די גרעסטע זאַדאַניעס. אַ סך פּאַרטיזאַנערס האָבן געגלייבט, אַז איך וועל פֿון אַזעלכע געפֿאַרן נישט אַרויס קיין לעבעדיקער. איך בין אָבער געווען גלײַכגילטיק צו מײַן לעבן. דער עיקר איז בײַ מיר געווען נקמה, נקמה צו נעמען אין די דײַטשן.״

״נישט איין מאָל האָבן אייגענע חבֿרים פּאַרטיזאַנערס פּרובירט אויף אייגענער האַנט פֿון הינטן מיך אַוועקצולייגן. אָבער אויך דאָ בין איך אַרויס אַ גאַנצער, דער זיגער ... מיט דער צײַט האָט מען פּאַמעלעך

אָנגעהויבן צו פֿאַרגעסן אין מײַן פֿאַרגאַנגענהייט. אַ סך פּאַרטיזאַנערס זענען געפֿאַלן, נײַע זענען צוגעקומען און דער סוף פֿון די דײַטשן האָט זיך אָנגעהויבן.״

״ווען די סאָוועטישע אַרמיי האָט צוריק פֿאַרנומען קיִעוו און אוקראַיִנע, האָט מען אונדז, פּאַרטיזאַנערס, אָנגעשלאָסן אין דער רעגולערער אַרמיי, וועלכע האָט אָנגעהויבן שטורעמען פּוילן און שפּעטער דײַטשלאַנד. מײַן נקמה-לוסט לגבי די דײַטשן איז נאָך מער געשטיגן, ווי נאָר מיר זענען אַרויף אויף דער דײַטשער ערד. אין אָנהייב איז אַלץ גוט געגאַנגען. איך האָב מיט זיי געמאַכט גענוי דאָס, וואָס זיי האָבן מיט אונדז געמאַכט ... אָבער מיט דער צײַט האָב איך אָנגעהויבן פֿילן, אַז מ׳קוקט אויף מיר קרום. דאָ און דאָרטן, האָט מען מיך געוואָרנט, געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז איך טרײַב איבער. מ׳קאָן נישט אויסהאַרגענען אַלע דײַטשן און אַז פֿרויען מיט קינדער זענען נישט שולדיק. אין די לעצטע וואָכן פֿאַרן סוף האָט מען מיך שוין שטאַרק געוואָרנט, און נישט בלויז מיך ... ס׳האָט שוין באַלד אויסגעזען, אַז נישט אַלע דײַטשן זענען שולדיק. איך האָב זיך נישט ווילסנדיק געמאַכט, וואָס מען רעדט צו מיר און געטאָן ס׳מײַניקע ... איך האָב טאַקע געמיינט, אַז כ׳וועל קענען אויסהאַרגענען אַלע דײַטשן און ווען איך קאָן, גלייב מיר, וואָלט איך דאָס דענטוסמאָל געטאָן.״

״דעם לעצטן טאָג פֿונעם קריג, געדענקסטו דאָך, ווי כ׳האָב דיך אַרויסגענומען פֿון דער גרופּע באַפֿרײַטע העפֿטלינגען און באַשטימט, אַז דו זאָלסט ווערן אונדזער דאָלמעטשער. איך האָב דיך ספּעציעל אויסגעקליבן, ווײַל דו ביסט געווען דער קלענסטער און דער ייִנגסטער צווישן אַלע. דו האָסט אַזוי שרעקלעך אויסגעזען, ממש אַ מת, אַז איך האָב אַזש אויף דיר רחמנות באַקומען און כ׳האָב געוואָלט אַז דו, גראָד דו, דאָס קליינע ייִנגל, וואָס האָט אַזוי פֿיל געליטן און מיטגעמאַכט, זאָל אויך כאָטש אַ ביסל נקמה נעמען אין די דײַטשן, כאָטש אַ קאַפּעטשקעלע פֿילן דעם טעם פֿון נקמה. און פֿאַר וואָס נישט? ס׳איז דיר נישט געקומען? דו האָסט מיך אָבער אין גאַנצן אַנטוישט! און ווען מיר האָבן אַרויסגעוואָרפֿן דעם גערמאַניעץ דורכן פֿענצטער, האָסטו אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, נישט געקאָנט, צי נישט געוואָלט זיך צוקוקן. כ׳רעד שוין נישט פֿון אַנדערע זאַכן, ווי אַזוי דו האָסט זיך אויפֿגעפֿירט, טאַקע ווי אַן אמתדיקער טכויר.

כלעבן, ס׳האָט שוין באַלד אויסגעזען, ווי דו וואָלטוסט גאָר זיי געוואָלט העלפֿן. יאָ, דאָס איס געווען דײַן זשידאָווסקע שוואַכקייט, דײַן פּחדונות! און אפֿשר, ווער ווייסט? אפֿשר איז דאָס געווען בלויז אַ שפּיל, אַן אָנשטעל פֿון דײַן זײַט, פֿון אײַך אַלע?״

״הײַנט ווייסט שוין די וועלט דעם אמת. אַלע באַוווּנדערן דאָך אײַך, אײַערע סאָלדאַטן, אײַער מדינה. גלייב מיר, מען איז שוין אײַך גאָר מקנא און מען פֿאַרגינט אײַך נישט, ווײַל עפּעס קלאַפּט דאָ נישט. מ׳קאָן זיך גאָרנישט צוגעוויינען, אַז ייִדן קאָנען זײַן גוטע סאָלדאַטן, גוטע קעמפֿערס, וואָס קאָנען אַרײַנקלאַפּן דעם שׂונא אין טאַטנס טאַטן אַרײַן. אַ ייִד, לויטן חשבון, דאַרף זײַן אַ פּחדון, אַראָפּבייגן דעם קאָפּ, ווען מ׳שלאָגט אים. אַזוי וויל די וועלט! אַזוי האָט מען שטענדיק בײַ אונדז אין אוקראַיִנע געזאָגט. געווען אפֿילו אַ לידל אַזאַ: ׳מוישע קאַראַבין׳״ -- און וואַניאַ האָט אָנגעהויבן זינגען דאָס לידל און איך האָב אים גלײַך, צו מײַן גרויסער איבערראַשונג, אונטערגעהאַלטן אין פּויליש, ווי איך האָב עס געקענט נאָך פֿון דער היים:

מאָןסזע מאַ קאַראַבִּנ צעבולאַ נאַבִּטי. קאַזאַלִ מו סטרזעלאַצ דאָ סועןj קאָבִּטי ... אַן, אַןj, אַן, jאַן, באַיִ, באַיִ, באַיִ ...

משה האָט אַ קאַראַבין אָנגעלאָדן מיט אַ ציבעלע. מ׳האָט אים געהייסן שיסן און געשאָסן האָט ער צו זײַן ווײַב... אײַ, אײַ, אײַ, בײַ, בײַ, בײַ

מענטשן זענען פֿאַרבײַגעגאַנגען און האָבן אויף אונדז געקוקט ווי אויף צוויי משוגעים, אָדער צוויי שיכּורים. מיר האָבן אָבער געהאַלטן אין איין זינגען דאָס לידל און כ׳האָב דערפֿילט אַ גוואַלדיקע נקמה, ממש אַ נצחון איבער דעם קאָמישן אַנטיסעמיטישן לידל און נישט בלויז איבער דעם לידל ... וואַניאַ האָט זיך אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט און באַלד האָב איך אים ווידער געהערט, מיט אַ געלעכטער: ״אײַער בלינדער משה מיט דעם ליאַפּע אויפֿן אויג, אינעם זשידאָווסקע לאַנד, שיסט נישט בלויז מיט אַ ציבעלע ... האַ, האַ, האַ! ...״

״יאָ ... אין דער סאָוויעטישער אַרמיי האָב איך געזען ייִדן וואָס האָבן גאַנץ לײַטיש געקעמפּט, אויך בײַ די פּאַרטיזאַנערס פֿלעגן זיי זיך

שטופּן די ערשטע. מ׳האָט זיי דערפֿאַר טאַקע באַשולדיקט, אַז די זשידעס שטופּן זיך אומעטום די ערשטע. צוריק גערעדט, ווער ווייסט? אפֿשר ביסטו אויך דענטוסמאָל געווען דער שטאַרקער און איך גאָר דער שוואַכער?״

יאָ, דענטוסמאָל ...

וואַניאַ האָט זיך ווידער פֿאַרטראַכט און באַלד ממשיך געווען: בײַ די עקזעקוציעס האָבן די אַראָפּגעלאָזטע קעפּ פֿון די ייִדן זיך מיר אויסגעזען ווי אַ זשידאָווסקע שוואַכקייט, אַ פּחדונות. הײַנט זע איך ערשט אײַן, אַז דאָס איז נישט געווען אַזאַ שוואַכקייט. די דײַטשן פֿלעגן זיך דאָך בעטן, זיך חנפֿענען פֿאַר זייער לעבן. זייערע ווײַבער און טעכטער האָבן צעשפּרייט די פֿיס, אַבי נאָר זיי דאָס לעבן צו שענקען. אָבער נישט די ייִדן. זיי האָבן זיך געקלאַפּט אין די הערצער בײַ די אָפֿענע גריבער און געבעטן מחילה בײַ זייער זשידאָווסקע גאָט, ווי זיי וואָלטן נאָך אים עפּעס שולדיק געבליבן, אַנשטאָט וואָס זייער גאָט וואָלט געדאַרפֿט בײַ זיי בעטן מחילה...״

״צו מאָרגנס באַלד נאָך דער באַפֿרײַונג האָב איך זיי ווידער געזען, די האַלב-לעבעדיקע סקעלעטן, זיך שאָקלען, בעטן און דאַנקען גאָט. פֿאַר וואָס? וואָס פֿאַר אַ גדולה איז אויף זיי געווען? וואָס פֿאַר אַ טובֿה האָט ער זיי געטאָן? זיי זענען געבליבן לעבן? מע האָט דאָך אַלע זייערע פֿאַמיליעס, אַלע זייערע נאָענטע אומגעבראַכט. טאָ וואָס איז דאָ נאָך צו דאַנקען גאָט? עה, עה, עה! -- האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט -- ווער קען דען אײַך פֿאַרשטיין?!״

ווידער איז וואַניאַ פֿאַרשוויגן געוואָרן אויף אַ רגע:

״יאָ,יאָ, דענטוסמאָל ... כ׳געדענק גענוי ווי דאָס וואָלט נעכטן געווען, ווי דו ביסט אײַנגעשלאָפֿן אויפֿן מיידל און ווי איך האָב זי שפּעטער קוים אַוועקגעריסן פֿון דיר. איך ווייס אַליין נישט פֿאַר וואָס, אָבער איך האָב מיט אַ מאָל רחמנות געקראָגן אויף איר און זי נישט דערהאַרגעט. דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב רחמנות געקראָגן אויף אַ דײַטש. און ס׳איז גוט, וואָס ס׳איז אַזוי געשען. ס׳קאָן זײַן ... אַז כ׳האָב שוין גענוג געהאַט דאָס אַלץ, גענוג נקמה גענומען. מײַן בלוט האָט זיך שוין געהאַט אַ ביסל באַרויִקט, נישט מער געקאָכט אַזוי שטאַרק. פֿאַרשטיי, -- האָט וואַניאַ מיט אַ מאָל אַראָפּגעלאָזט

דעם טאָן און זיך אַרומגעקוקט -- פֿאַרשטיי, אַז הונדערטער און אפֿשר טויזנטער דײַטשן האָב איך פֿאַרטיק געמאַכט אויף פֿאַרשידענע אופֿאַנים, מיט פֿאַרשידענע מיתות-משונות, ווו ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט... דאָס מיידל אָבער האָב איך געשווינט. זי געלאָזט לעבן. איך האָב זי אַוועקגעפֿירט אין אַ צווייט הויז אַרײַן און זי דאָרטן איבערגעלאָזט בײַ צוויי אַלטע פֿרויען. יעדן טאָג פֿלעג איך זי באַזוכן, ברענגען איר עסן, צו טרינקען, אָבער כ׳האָב זי נישט אָנגערירט, כ׳מיין נישט געשלאָפֿן מיט איר. טעג זענען פֿאַרבײַ, שלום איז געקומען אויף דער וועלט, אָבער נישט פֿאַר מיר.״

״אין אַ שיינעם העלן טאָג זענען געקומען צוויי ענקאַוועדניקעס און האָבן מיך אַרעסטירט. טעג און נעכט בין איך אָפּגעזעסן אין אַ תּפֿיסה נישט וויסנדיק פֿאַר וואָס. כ׳האָב אָבער אָנגעהויבן צו פֿילן, אַז עפּעס קלאַפּט דאָ נישט, אַז ס׳איז נישט גוט מיט מיר. זעט אויס, האָב איך מיר געטראַכט, אַז איצט, נאָך דער מלחמה, האָבן זיי זיך דערמאָנט אין מיר, אין מײַן פֿאַרגאַנגענהייט ... און אַזוי איז טאַקע געווען. נאָך פֿיר וואָכן זיצן האָט מען מיך גענומען אויפֿן צימבל, צום פֿאַרהער. און שטעל דיר פֿאַר, אַז מײַן אויספֿאָרשער איז נישט געווען קיין אַנדערער ווי דער זעלבער מייער מייעראָוויטש, וואָס האָט מיך שוין אַ מאָל געשווינט נאָך בײַ דער פּאַרטיזאַנקע. איצט האָט ער שוין געהאַט אַוואַנסירט אויף פּאָלקאָווניק מייער מייעראָוויטש פֿון דער נ-ק-וו-ד. ער האָט זיך זייער גוט באַנומען צו מיר און האָט אויסגעהערט מיט אַ סך געדולד מײַן גאַנצע געשיכטע.״

״איך האָב אים אַלץ דערציילט. ער האָט אַלץ פֿאַרשריבן, -- און איך האָב אונטערגעשריבן. צום סוף האָט ער אַרויסגענומען אַן אַמעריקאַנסקע סיגאַרעטל און מיך מכבּד געווען. ער האָט נאָך אַ מאָל אַרײַנגעקוקט אין די פּאַפּירן, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אונטערברומענדיק אונטער דעם נאָז: ׳אַ שווערע מעשׂה, אַ קאָמפּליצירטער פּלאָנטער. געדינט דעם אָקופּאַנט, געטראָגן זייער אוניפֿאָרעם׳ ... און ער האָט נישט פֿאַרענדיקט ... פּאַמעלעך האָט ער אויפֿגעהויבן זײַנע צוויי ברוינע אויגן, לאַנג און דורכדרינגלעך אין מיר אַרײַנגעקוקט און מיט אַ שטילן און רויִקן טאָן געזאָגט: ׳איוואַן סטעפּאַנאָוויטש, נאָך בײַם סוף 42, ווען דו האָסט זיך געמאָלדן צו אונדז אין דער פּאַרטיזאַנקע, האָט דיר שוין דענטסמאָל געקומט אַ קויל אין קאָפּ. איך האָב דיך דענטסמאָל געשווינט. נישט צוליב

מיטלייד. ניין! עס איז געווען גאַנץ פּשוט. דעמאָלט האָבן מיר נייטיק געהאַט מענטשן צו קעמפֿן פֿאַרן פֿאָטערלאַנד. אפֿילו מיטן טײַוול אַליין וואָלטן מיר זיך דענטסמאָל פֿאַרבונדן, אַבי צו פֿאַרטרײַבן דעם אָקופּאַנט פֿון אונדזער ערד. הײַנט אָבער, נאָכן נצחון איבער דעם נאַצישן אַגרעסאָר, ווערט אַלץ אָפּגערעכנט. נישט בלויז מיטן אָקופּאַנט, נאָר נאָך מער, און אפֿילו שטרענגער, מיט אונדזערע מענטשן, וואָס האָבן מיט אים מיטגעטאַנצט... איוואַן סטעפּאַנאָוויטש, האָסט אַ סך מזל. נאָך דעם אַלעם ביסטו געווען אַ גוטער אַרמייער, גוט געקעמפֿט, תּמיד געלאָפֿן פֿרײַוויליק דער ערשטער, אויסגעפֿירט געפֿערלעכע מיסיעס און אַ דאַנק דעם אײַנגעשפּאָרט אַ סך מענטשלעכע לעבנס. אָבער נישט איך דעצידיר הײַנט וועגן דעם. מיטן ערשטן עשעלאָן וועסטו אָפּגעשיקט ווערן אין לאַנד אַרײַן, און דאָרטן אין דער היים וועסטו שטיין פֿאַר אַ געריכט. מיט אַ צענערל (געמיינט צען יאָר), מיין איך, וועסטו דאָס אַלץ אָפּקומען. דו ביסט זייער יונג און באַשטימט וועסטו דאָס אַדורכהאַלטן׳.״

״ווען מ׳האָט מיך צוריק אַרײַנגעפֿירט אין מײַן קעמערל האָב איך מיר געטראַכט: אַ צענערל, צי אַ צוואַנטיקערל, ס׳איז די זעלבע שײַסע, זיצן וועל איך, און נישט סתּם זיצן, נאָר טאַקע געבן דאָס פֿעלעכל ערגעץ ווײַט פֿאַרוואָרפֿן אין די סיבירסקע טײַגעס. אויב אַזוי, וואַניאַ, האָב איך בײַ זיך געטראַכט, שוין בעסער דער טויט! און געמאַכט דעם לעצטן פּרוּוו ... און זע וואָס פֿאַר אַ בר-מזל איך בין געווען. אויך דאָס מאָל איז מיר געלונגען. צוויי סאָלדאַטן, מײַנע שומרים, האָבן דערפֿאַר באַצאָלט מיטן לעבן, איך בין אָבער אַרויס אַ גאַנצער, אַ פֿרײַער, אָן אַ ראַטוסל. כ׳האָב זיך גלײַך אָפּגעטראָגן און בין אַריבער אויף דער צווייטער זײַט, צו די אַמעריקאַנער. כ׳בין אַרײַן אין אַ פּליטים-לאַגער און פֿאַרשווונדן אונטער אַ פֿרעמדן נאָמען.

״מיט אַ צײַט שפּעטער האָב איך מיך פֿאַרבונדן מיטן מיידל. זי איז גלײַך צו מיר אַריבערגעקומען, נו וועסט ניט גלייבן ... זי איז געווען פֿאַרליבט אין מיר און הײַנט צו טאָג איז זי מײַן געליבטע פֿרוי. אונדזער טעכטערל איז שוין באַלד פֿופֿצן יאָר אַלט און הייסט גאַלינאַ. זי איז ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך צו מײַן געוועזן שוועסטערל גאַלינאַ, וואָס די נאַציס האָבן אומגעבראַכט״.

וואַניאַס לעצטע ווערטער האָבן מיר אונטערגעהאַקט די פּיס. כ׳בין שטיין געבליבן אויפֿן אָרט און כ׳האָב מער נישט געקענט קיין איין טריט פֿאָרויסשטעלן.

״וואָס האָסטו זיך ווידער אָפּגעשטעלט? אָט אויף יענער זײַט גאַס איז שוין אונדזער הויז״.

אָן צו טראַכטן, אָן צו זאָגן אַ וואָרט, האָב איך פּלוצלינג אָנגעהויבן צו לויפֿן. כ׳האָב נאָך געהערט וואַניאַס קול רופֿן: ״וואָס איז געשען? וווּ לויפֿסטו? וווּ לויפֿסטו יעקבֿ? וווּ לויפֿסטו, קליינער פּאָליאַק, קליינער זשידליאַק? בלײַב שטיין! בלײַב שטיין!״

- - - דער אוקראַיִנער האָט מיך גייאָגט מיט זײַנע רויטע הענט, מיט זײַן פֿאַרבלוטיקטן באַגנעט. איך בין געלאָפֿן איבער די בערלינער גאַסן, וואָס זענען געשטאַנען אין פֿלאַמען. אַלץ אַרום איז געווען רויט, רויט פֿון פֿײַער, אַלץ האָט געברענט. פֿון צווישן די ברענענדיקע פֿלאַמען באַווײַזן זיך לאַכנדיקע ווײַסע קלאָונישע פּנימער. זיי האַלטן אין איין לאַכן, ווײַזן מיט די פֿינגער אויף מיר און לאַכן: ״אָט, אָט איז ער! ער!״ און צעשיטן זיך נאָך מער פֿון געלעכטער, בלויז דאָס פּנים פֿונעם אַקטיאָר האַמבורסקי פֿון תּל-אָבֿיבֿ קוקט אויף מיר פֿון צווישן די פֿלאַמען שווײַגנדיק, מיט זײַנע טרויעריקע אויגן. איך וויל אים פֿרעגן, וואָס איז געשען? פֿאַר וואָס איז ער נישט געקומען אין דעם קאַפֿע ״ווײַסע ראָזע״ אויפֿן קורפֿירסטנדאַם? אָבער ער דרייט אַוועק דאָס פּנים פֿון מיר און אַ שוואַרצער רויך שלענגלט זיך אַרויס פֿון זײַן קאָפּ - - -

מיט אַ מאָל זע איך אַ מויער מיט שטעכלדראָטן פֿאַר זיך! דאָס איז דאָך דער מויער פֿון קראָקעווער געטאָ! אָבער ווי קומט עפּעס דער מויער פֿון קראַקאָווער געטאָ אין מיטן בערלין? אַז כ׳וועל נאָר אַריבער דעם מויער, וועל איך זײַן אַ געראַטעוועטער. די דײַטשן דערשיסן אַלע ייִדן ווען זיי כאַפּן אויסער דעם מויער. עס איז שוין נישט ווײַט ביז צו דעם מויער, אָבער וואָס מער איך דערנענטער מיך צו דעם מויער, אַלץ מער דערווײַטערט זיך דער מויער פֿון מיר, -- אַלץ ווײַטער און ווײַטער. איך האַלט אין איין לויפֿן מיט די לעצטע כּוחות, מיט דעם לעצטן אָטעם.

כ׳קען מער נישט אָטעמען, איך קען נישט דעם אָטעם כאַפּן, כ׳ווער דע-רש-טי-קט ... און פֿאַל אַריַין אין אַ תּהום, אין אַ שוואַרצן אָפּגרונט אַריַין. איך האַלט אין איין פֿאַלן אַרונטער, אַרונטער אָן אויפֿהער, אָן אַ סוף. וואַניאַ און די שיינע פֿרוי מיט די צעשפּרייטע פֿיס פֿאַלן מיט מיר צוזאַמען, ״האַק״, שריַיט דער אוקראַיִנער, ״האַק! אָדער איך מאַך דיך פֿאַרטיק!!!״

איך האַק און האַק און האַק און קאָן קאָן בשום-אופֿן נישט אַריַינהאַקן. די שיינע פֿרוי מיט די צעשפּרייטע פֿיס לאַכט פֿון מיר:

״דאָ! דאָ! דאַרפֿסטו האַקן! -- וויַיזט זי מיטן פֿינגער -- אַזוי ווי וואַניאַ באַפֿעלט.״ אַ שלאַקס בלוט פֿאַרגיסט מיַין פּנים ...

דאָס טעלעפֿאָן-געקלינגעריַי אין האָטעל-צימער לייזט מיך אויס פֿון דעם קאָשמאַרן חלום. כ׳לויף צו און הייב האַסטיק אויף דאָס טרייַבל:

-- האַמבורסקי??! ...

פֿון דער צווייטער זיַיט טרייַבל הער איך אַ העפֿלעכע פֿרויען-שטים:

״שענעם גוטן-מאָרגען, מיַין הער, זינד זי גוט געשלאָפֿען? עס איסט שאָן מיטאָג-שטונדע בלײַבען זי נאָך הויטע נאַכט ביַי אונדז?״

״ניַין מיַינע דאַמע, דאַנקע שען!״ -- האָב איך נערוועז אַריַינגעשריגן אין טרייַבל אַריַין, ״איך בליַיב ניכט מער אין בערלין.״

מיט צוויי שעה שפּעטער בין איך שוין געזעסן אין צוג בערלין-בריסעל.